**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ראש השנה כד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת ערב ראש השנה, א' סליחות, כ"ד אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג, און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

"במוצאי מנוחה קדמנוך תחילה, הט אזנך ממרום יושב תהילה, לשמוע אל הרנה ואל התפילה."

### די הכנה צו די הייליגע טעג: מבטל זיין דעם 'איך'זיך האלטן פאר 'אין' נעמט אוועק די דינים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר בעטן פונעם הייליגן באשעפער ער זאל צוהערן אויבן אין הימל אונזער רנה און אונזער תפילה, ווייל מיר זאגן תפילות מיט געזאנג און לויב צום הייליגן באשעפער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעדער איינער וויל אז זיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון.

**וואס טוט מען דערצו? זאגט דער הייליגער רבי פנחס'ל קאריצער, אז ווען א מענטש האלט זיך פאר "אין" – ער האלט זיך פאר גארנישט – זענען נישטא אויף אים קיין שום דינים.**

עס שטייט אין מדרש אז ראש השנה און יום כיפור ווערן אידישע קינדער א "בריה חדשה", ווי עס שטייט: "ועם נברא יהלל קה". פרעגט רבי פנחס'ל קאריצער: וואס עפעס פונקט ראש השנה און יום כיפור ווערט מען א בריה חדשה?

ווייל עס שטייט אין די גמרא לגבי ראש השנה: "כמה דכייף איניש טפי מעלי" – ווי מער א מענטש איז איינגעבויגן, אלץ בעסער איז עס. ווען א מענטש בייגט זיך און האלט זיך פאר גארנישט, דאס מאכט אים פאר א בריה חדשה. עס איז פונקט ווי מען נעמט א קערנדל און מען לייגט עס אריין אין דער ערד; ערשט ווען עס ווערט פארפוילט און ווערט גארנישט (אין), דעמאלטס פאנגט זיך אן די התחדשות און עס וואקסט עפעס נייע.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מיר שרייען אויס צום הייליגן באשעפער און מיר זענען זיך מבטל, ווען מיר האבן נישט קיין אייגענע רצונות נאר מיר זענען מבטל אונזער רצון צום רצון השם און מיר גלייבן נאר אינעם אייבערשטן – דעמאלטס ווערן אונזערע תפילות אנגענומען און עס ווערט אן התחדשות.

**וויאזוי זעט מען אויב א איד האלט טאקע ביי דער מדרגה פון "אין"? ווען ער האט נישט קיין שום כעס אדער רגזנות אויף קיין שום איד. ער האט נישט קיין עצבות, קיין מרה שחורה און קיין יאוש. ער גלייבט באמונה שלימה אין "אין עוד מלבדו", אז עס איז נישטא קיין שום כח בעולם אויסער דעם הייליגן באשעפער.**

די גאנצע וועלט איז כלא היה; עס איז נישטא קיין וועלט, עס איז נאר "היה הוה ויהיה", אין עוד מלבדו. ממילא לעבט ער בשלום ובשלוה מיט א פנים מאירות און ער איז אויפגעלעבט; ער לעבט מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה, און פילט "אני שמח בחלקי". ווען א איד קאכט זיך אזוי מיט'ן הייליגן באשעפער, ווערן אונזערע תפילות אנגענומען, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

### די וואונדערליכע שליחות פונעם צאנזער רב קיין וויען

עס איז אמאל געווען א רב אין אונגארן, אן אונגארישער רב, וואס פלעגט פארן עטליכע מאל א יאר צום הייליגן צאנזער רב. יעדעס יאר פלעגט ער קומען צום צאנזער רב אויף ראש השנה; ער פלעגט איבערלאזן זיין קהילה און קומען פראווען די הייליגע טעג אין צאנז.

איין יאר האט ער מחליט געווען אז ער קען נישט אזוי יעדעס יאר איבערלאזן זיין קהילה אויף די ימים נוראים, דעריבער וועט ער פארן קיין צאנז אויף שבת סליחות, און גלייך נאך שבת וועט ער צוריקפארן צו זיין קהילה. ער איז אנגעקומען דאנערשטאג נאכמיטאג און איז גלייך געגאנגען צום שטוב פונעם הייליגן צאנזער רב שלום נעמען. ווי נאר דער צאנזער רב האט אים דערזען, האט ער אים געזאגט: "צאתכם ובואכם לשלום, דו דארפסט שוין פארן קיין וויען, איך האב א שליחות פאר דיר. זאלסט וויסן אז ערב שבת תיכף נאך שחרית וועסטו דארפן פארן קיין וויען."

נו, ער האט אויסגעווארט ביז נאך שחרית, און דעמאלטס האט אים דער הייליגער צאנזער רב געגעבן א בריוו און געזאגט: "דו ביסט מיין שליח איבערצוגעבן דעם בריוו פאר יענעם עושר דארט אין וויען." דער צאנזער רב האט אים פונקטליך אנגעוויזן וואו און וויאזוי ער וועט יענעם טרעפן.

מצד אחד איז ער געווען מורא'דיג בשמחה צו זיין א שליח פונעם הייליגן צדיק, אבער מצד שני האט אים וויי געטוהן

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעבטיגן גוט מארגן א פרשת ראש השנה כד לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

אז ער וועט נישט זיין דא אויף די הייליגע טעג און אפילו נישט אויף שבת סליחות. אבער ״ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״ – אז דער רבי הייסט גיין, גייט מען.

ער איז אנגעקומען קיין וויען שלא בדרך הטבע; די גאנצע וועג איז געגאנגען אן קיין שום מניעות אדער עיכובים, איינס-צוויי-דריי איז ער שוין געווען דארט. ער האט געזען אז מן השמים העלפט מען אים מיט דער שליחות. ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין וויען, האט ער אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו געפינען די אדרעס פון דעם עושר.

ווען די מענטשן האבן געהערט וועם ער זוכט, האבן זיי געזאגט אז עס איז שווער צו גלייבן אז דער צאנזער רב האט געשיקט א שליח דווקא צו אים. יענער איז בכלל נישט קיין ערליכער איד, זיכער נישט קיין חסיד, און בכלל נישט קיין חרדי׳שער איד; ער איז א איד בלויז אויף א קוצו של יוד. מענטשן האבן זיך געוואונדערט: וואס האט דער הייליגער צאנזער רב מיט אזעלכע פראסטע, אויפגעקלערטע מענטשן?

למעשה האט ער געהאט א שליחות און ער האט געמוזט טרעפן דעם איד. מענטשן האבן אים צוגעוויזן וואו צו גיין, און ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט ער געזען א ריזיגע פאבריק. הונדערטער סוחרים, ארבעטער, מנהלים און פירער זענען געגאנגען אהין און צוריק. עס האט בכלל נישט אויסגעקוקט ווי עס איז פרייטאג ערב שבת.

דער רב איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די משרתים און געזאגט: ״וויז מיר וואו דער בעל הבית איז, איך מוז שוין רעדן מיט אים.״ יענער האט זיך פרובירט ארויסצודרייען: ״וואס? דער בעל הבית? דו וועסט נישט קענען צוקומען צו אים, דו ווייסט דאך ווי פארנומען ער איז!״ אבער דער רב האט זיך געבעטן ביי אים און פארשטייט זיך געגעבן א ״מתן בסתר״, אביסל שוחד, ביז יענער האט געזאגט: ״ווייסטו וואס?ווארט דא,״ און ער וועט זען אז ער זאל זיך קענען טרעפן מיט׳ן בעל הבית.

דער רב קוקט זיך אזוי אום אויף דער גאנצער ווירטשאפט דארט און טראכט ביי זיך: ״וואס האט דער איד מיט׳ן צאנזער רב?״ נאך מער פון דעם, ווען ער איז אנגעקומען קיין וויען, איז ער געגאנגען צום ארטיגן רב און שוחט אים זאגן אז ער האט א שליחות פונעם צאנזער רב צו דעם איד, און זיי האבן אים געזאגט אז ער מאכט זיכער א טעות, ווייל עס קען נישט זיין אז דער צאנזער רב זאל האבן שייכות מיט אזא מענטש.

למעשה, בשעת ער זיצט אוןווארט, קומט פלוצלינג ארויס דער בעל הבית און פרעגט אים: ״איך בין דער בעל הבית דא, וואס דארפט איר?״

ווען דער רב האט אים אנגעקוקט, האט אים ארומגענומען א פחד; ער האט מורא געהאט אז ער האט זיך טאקע טועה געווען. דער איד האט כמעט נישט געהאט קיין צורת יהודי, און עס האט גארנישט אויסגעקוקט ווי ער האט א שייכות מיט אזא צדיק קדוש וטהור ווי דער הייליגער צאנזער רב. אבער מיט אמונה אין צדיק האט ער ארויסגענומען דעם קאנווערט, עס איבערגעגעבן און געזאגט אז דער צאנזער רב האט עס געשיקט. דער בעל הבית האט זיך אנגערופן פראסט און אויפגערעגט: ״וואס האב איך מיט׳ן צאנזער רב? איך ווייס אפילו נישט ווער דאס איז!״ אבער ער האט דאך געעפנט דעם קאנווערט און איז אריינגעגאנגען אין זיין אפיס.

און דער רב איז געבליבן ווארטן. נאך עטליכע מינוט קומט ער ארויס און זאגט אים: ״אה, ברוך הבא, קומט אריין.״ ער ברענגט אים אריין אין זיין פריוואטן אפיס, ער נעמט אים אויף אזוי שיין, און דער רב וואונדערט זיך: קודם האט ער זיך אויפגערעגט, און יעצט נעמט ער אים אויף אזוי שיין, וואס גייט דא פאר?

דער פשוט׳ער איד, דער גביר, רופט זיך אן צום רב און זאגט אים: ״זאלט איר וויסן, דער צאנזער רב איז א מלאך!״

זאגט אים דער רב: ״ר׳ איד, אפשר דערציילט איר מיר וואס דא גייט פאר?״ זאגט ער: ״יא.״ ער ארבעט מיט דיאמאנטן, ער ברענגט סחורה פון אויסלאנד, ער לייגט אריין גרויסע כוחות און ער משקיע אסאך געלט צו ברענגען די דיאמאנטן. נאכדעם פארקויפט ער עס, און מיט דעם האט ער א גרויסע עשירות. למעשה, פון ווען ער שיקט ארויס דאס געלט איינצוקויפן די סחורה ביז עס קומט אן, איז ער ממש אן ארעמאן, ווייל זיין גאנצע געלט געבט ער אוועק איינצוקויפן די סחורה. נאכדעם דארף עס אנקומען, ער דארף עס מסדר זיין און סארטירן, און איינמאל ער פארקויפט עס, ווערט ער צוריק א גרויסער עושר.

דערציילט ער ווייטער, אז עס איז יעצט געשען א שרעקליכע זאך: איינע פון די שיפן וואו ער האט געהאט זיינע דיאמאנטן האט די רעגירונג פארכאפט. די רעגירונג האט ארויפגעלייגט אויף אים א גאנצע בלבול און אים געגעבן גרויסע קנסות, און עס ווארט אויף אים א שווערער משפט וואו זיי ווילן אים ארייננעמען אין תפיסה. ער קען זיך נישט קיין עצה געבן און ער איז זייער פארביטערט.

למעשה האט ער געטראפן א גרויסן לאיער וואס האט זיך אונטערגענומען אז פאר דריי טויזנט ריייניש קען ער פארמאכן אלע מיילער און אונטערשמירן די חברה, און אז מען געבט דאס געלט ביז זונטאג א׳ סליחות, ווערט אלעס פארווישט; מען לאזט דורך די שיף, עס איז נישטא קיין משפט און גארנישט, און זיין עשירות קומט צוריק. אבער וואו טרעפט מען דריי טויזנט ריייניש ווען זיין גאנצע געלט איז משקיע געווען אין דעם שיף?

זאגט ער פארן רב: ״איר ווייסט וואס דא איז געלעגן אין דעם קאנווערט? עס איז דא געווען א בריוו!״ אינעם בריוו איז געשטאנען אז דער הייליגער צאנזער רב שרייבט אים: ״איך זע אז דו דארפסט האבן דריי טויזנט ריייניש זיך צו ראטעווען, דא האסטו די דריי טויזנט ריייניש, און איך האף אז דו וועסט טון טובות פאר אידישע קינדער.״

## ללובש צדקות ביום דין: די לבושי מלכות פונעם באשעפער

הפלא ופלא! זאגט ער, ער האט גארנישט מיט׳ן צאנזער רב, ער איז בכלל נישט קיין היימישער איד, אבער דער הייליגער צאנזער רב האט ברוח קדשו מרגיש געווען אז ער דארף א ישועה. ער האט געשיקט דעם רב ער זאל זיין דער שליח צו ראטעווען דעם איד. דער רב איז געבליבן דארטן און וויען אויף שבת, און נאך שבת איז ער גראד צוריקגעפארן קיין צאנז.

ווען ער איז אנגעקומען קיין צאנז, האט אים דער הייליגער צאנזער רב געזאגט: ״הערט אויס, עס קומט ראש השנה, און מיר זאגן ׳ללובש צדקות ביום דין, למחיל עונות בדין׳.״ פרעגט דער הייליגער צאנזער רב: ״וואס איז דאס לשון ׳ללובש צדקות׳? מען וואלט דאך געדארפט זאגן ׳לעושי צדקות׳, אז מען טוט צדקה. וואס מיינט ׳ללובש׳? וואס טוט מען אן א מלבוש פון צדקה?״

נאר וואס דען, זאגט דער הייליגער צאנזער רב, ראש השנה זענען מיר ממליך דעם הייליגן באשעפער אלס ״מלך על כל הארץ״. יעדער מלך איז אנגעטון מיט לבושי מלכות, און די בגדי מלכות פון א מלך שטעלן אוועק זיין חשיבות.

**זאגן מיר ביים דאווענען: וואס זענען די לבושי מלכות כביכול פונעם הייליגן באשעפער? זאגט דער הייליגער צאנזער רב: ״ללובש צדקות ביום דין״ – דער לבוש פון הקדוש ברוך הוא איז צדקה. און ממילא, אויב מיר ווילן ממליך זיין הקדוש ברוך הוא און בעטן אויף מחילת עוונות, דארף מען קודם אנטון דעם לבוש; מען דארף טון צדקה, וואס דאס איז די לבוש מלכות פונעם הייליגן באשעפער, און דורך דעם קען מען זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה.**

דער צאנזער רב האט מסביר געווען פארן רב, אז דאס וואס ער האט אים געשיקט אויף שבת פאר סליחות, איז געווען כדי אים מזכה צו זיין ער זאל אנטון דעם לבוש כביכול פארן הייליגן באשעפער דורך ״ללובש צדקה״, אז ער זאל זיין א שליח מקיים צו זיין די מצוה פון צדקה פאר א אידיש קינד. און ווער נאך א אידיש קינד? אלא מאי, פונקט ווי ביים הייליגן באשעפער איז נישטא קיין חילוק, א קינד איז א קינד, אזוי אויך ווען מיר טוען צדקה איז יעדער קינד ״בנים אתם לה׳ אלקיכם״, און דורך דעם קענען מיר אויס׳פועל׳ן אזעלכע לעכטיגע ישועות פאר הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## פיר וואכן אויף די ׳בערג׳ פון רוחניות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן געזאגט א געוואלדיגע הכנה לסליחות ביי די שלש סעודות תורה, עס לוינט זיך אויסצוהערן.

בכל אופן, אז מען גייט אריין אין די ימי הרחמים והרצון – פיר גראדע וואכן. אידישע קינדער פאקן זיך צוזאם די פעק אנפאנג זומער אדער אינמיטן זומער און מען פארט ארויס אין די בערג; איינער אויף אכט וואכן און אסאך אנדערע אויף פיר וואכן. אפילו די וואס פארן נאר אויף פיר וואכן, מען פאקט זיך און מען פאקט זיך, מען פילט אן קעסטלעך מיט רענצלעך, און דערנאך פארט מען ארויס, מען איז מסיח דעת פון די שטאטישע לופט און מען לאזט זיך אריין אין א גאר אנדערע סארט לעבן.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פון היינט ביז פיר וואכן פאקט מען זיך די פעק ארויס פון דער מגושם'דיגער עולם-הזה'דיגער וועלט, און מען גייט אריין אין די פיר וואכן פון די ימי הרחמים והרצון. מען מאכט א היסח הדעת און מען לופטערט זיך אויס פון די טרדות פון עולם הזה, און מען לייגט זיך אריין אין די קדושת הימים.**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "ללובשי צדקות ביום דין" מיינט מוחל זיין אלע אידן, סובל זיין און פארטראגן יעדן איינעם. מען דארף פארשטיין אז אנדערע אידן האבן אן אנדערע מהלך המחשבה ווי דו; זיי האבן אנדערע נאטורן, אנדערע כאראקטארן, זיי האבן געלערנט אנדערע ספרים, האבן אן אנדערע מסורה און אן אנדערע חינוך. מענטשן זענען דאך אנדערש,**

**אבער דער צד השוה איז אז מיר זענען אלע "בנים למקום". מיר זענען אלע געטרייע סאלדאטן, מיר לערנען די זעלבע תורה, מיר זענען אלע געשטאנען ביים בארג סיני און ביי דער ברית – די כורת הברית וואס משה רבינו האט געשלאסן מיט די אידישע קינדער פאר זיין פטירה אין פרשת נצבים, אז מיר ווערן זיין דער עם קדוש, דער עם סגולה, און דער אייבערשטער וועט זיין אונזער גאט. מיט דעם זענען מיר אלע א צד השוה.**

**לאמיר אלע מיט אן אחדות מוחל זיין יעדן איינעם, סובל זיין און מוותר זיין. ווארט נישט מען זאל דיך איבערבעטן. שריי אויס: "הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך, איך בין יעדן מוחל!" הייליגער באשעפער, העלף אז יעדער זאל מיר מוחל זיין, און דער הייליגער באשעפער זאל אונז אלע מוחל זיין.**

"ללובש צדקות" מיינט שמייכלען צו אידן. נעמט אויף זיך אין די פיר וואכן נישט צו האבן א זויערע צורה, נישט צו האבן זויערע מחשבות, און אוודאי נישט קיין זויערע דיבורים; נאר זיסע ווערטער פאר א שנה טובה ומתוקה. האניגדיגע צורות, האניגדיגע ווערטער, האניגדיגע מחשבה, דיבור ומעשה. זייט פרייליך, לעכטיג, זיס און געשמאק, מיט א פנים מאירות וואס ברענגט עשירות, אמונה, שלום, בטחון און שמחה. יעדעם ליב האבן, יעדעם סובל זיין, מלמד זכות זיין אויף אידן, רעדן גוטס, און זיין א מליץ יושר פאר כלל ישראל.

זיך איבערבעטן נישט נאר מיט די גוטע פריינט, נאר אויך מיט די וואס זענען ביז יעצט חלילה נישט געווען קיין גוטע פריינט.

## די מעשה פונעם בעל שם טוב און די כוונות התקיעות

מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם: רופן די עלטערן, גיין צו די עלטערן, און זיך מוסר נפש זיין אויף די מצוה. ווייל דער הייליגער באשעפער זאגט אז מ'קען אים נישט מכבד זיין און מ'קען נישט מורא האבן פאר אים, אן כיבוד אב ואם און מורא אב ואם.

**וויאזוי קענען מיר אויסשרייען "המלך", ווען דער אייבערשטער האט געזאגט אז אלעס ווענדט זיך אין כיבוד אב ואם? אויב ס'איז נישטא קיין כיבוד אב ואם מיט אלע הידורים, איז נישטא קיין "המלך". הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אונזער עבודה.**

לאמיר דערמאנען און פארציילן די מעשה פונעם בעל שם טוב הקדוש, עס איז דאך מוצאי שבת פאר סליחות.

דער הייליגער בעל שם טוב האט אויסגעלערנט פאר זיין תלמיד רבי וואלף קיצעס, וואס איז געווען דער בעל תוקע, אלע כוונות פון די תקיעות. דער בעל שם טוב האט עס אראפגעשריבן אויף א פאפירל כדי ר' וואלף זאל עס גוט איינחזר'ן, אבער פאר די תקיעות איז דאס צעטעלע נעלם געווארן.

ר' וואלף קיצעס איז געווארן זייער צובראכן; ער האט געטראכט ביי זיך: וויאזוי קען ער בלאזן פארן הייליגן בעל שם און פאר די פמליא של מעלה און פמליא של מטה אן די אלע כוונות? אפשר וועט ער אפילו מקלקל זיין חס ושלום? ער איז געווען דורכאויס צובראכן, אבער ער האט געבלאזן, ווייל דאס איז דאך געווען זיין תפקיד.

נאכן דאווענען האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט: "דיינע תקיעות האבן געבראכן הימלען און ממתיק געווען די דינים." פארוואס? ווייל ער איז געווען אין א בחינה פון "איך" און א לב נשבר; ער האט געבלאזן שופר מיט א פשטות.

## דינען דעם אייבערשטן מיט פשטות און א לב נשבר

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן דינען דעם אייבערשטן מיט פשטות. מ'לערנט מוסר, מ'לערנט חסידות,

מ׳לערנט הלכות און ספרים, אבער ווען ס׳קומט צו דאווענען און צו די מצוות, דארף מען צוגיין צו די הייליגע טעג בתמימות – ״תמים תהיה עם ה׳ אלקיך״ – אן קיין אייגענע שכל׳דיגע חשבונות, אן פניות און אן נגיעות, נאר פשוט. א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, בלי היסח הדעת: וואס איז דער רצון השם? איך בין זיך מבטל און דאס טו איך, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו.

**דער בעל שם טוב הקדוש האט געזאגט, אז ווען איינער וויל ארייננגיין אין א היכל און ער האט נישט קיין שליסל, קען ער עס עפענען מיט א ״גנב-שליסל״, וואס דאס איז א צובראכן הארץ. א פשוט׳ער איד ברעכט אויף טירן און טויערן.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ״שערי דמעות לא ננעלו״ – די טויערן פון טרערן זענען נישט פארשלאסן, אבער א טיר איז דאך דא; אבער שמחה וואס קומט מתוך א לב נשבר ברעכט אויף טירן אזוי ווייט, אז ס׳איז בכלל נישטא קיין טיר. א לב נשבר מיינט נישט קיין עצבות אדער מרה שחורה חלילה, עס מיינט זאגן: ״רבונו של עולם, איך בין גארנישט, איך קען גארנישט, איך בין זיך אינגאנצן מבטל צום הייליגן באשעפער.״ ״אני ה׳ אשכון את דכא״. ״לא בחיל ולא בכח״, ״לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך״. רבונו של עולם, נישט מיט מיין כוח, נישט מיט מיין עוצם ידי, נישט מיט מיינע זכותים, שכל אדער הבנה, נאר בתמימות, באמונה פשוטה און בשמחה רבה. איך גלייב אז איך בין א בן מלך, אן עם סגולה, א געטרייער סאלדאט, און אז דו ביסט כולו רחמים וחסדים.

מיט דעם כוח הייבן מיר אן די הייליגע טעג, מיט דעם כוח דאווענען מיר, זאגן תהלים, לערנען און זענען מקיים מצוות ומעשים טובים, און דאס מאכט אונז פרייליך. חזק חזק ונתחזק – נאר מיט חיזוק, שמחה און שטארקייט.

**אבער הייליגע אידישע קינדער, אויב איר האט געווארט ביז נאך אלע סליחות און מ׳האט אייך נאכנישט איבערגעבעטן – נישט די קינדער, נישט די חברים און נישט די משפחה – ס׳איז שוין דערנאך. מ׳גייט יעצט אריין אין די הייליגע טעג, און יעצט טראכט מען נישט פון זיך אליין. יעצט טראכט מען נאר פונעם באשעפער; מ׳טראכט גארנישט פון ״איך״ אדער ״מיר״. איך בין בטל ומבוטל, איך האב נישט קיין רוגזא, קיין קפידות, קיין צער אדער עגמת נפש. קיינער איז מיך נישט מצער, איך האב נישט קיין צער, און איך בין קיינעם נישט מצער. איך לעב מיט׳ן אייבערשטן און איך רעד צום אייבערשטן. אין די הייליגע טעג איז מען פיר-און-צוואנציג זיבן נאר מיט׳ן אייבערשטן. איך רעד פונעם אייבערשטן, צום אייבערשטן, און איך דין דעם אייבערשטן. גארנישט פאר זיך אליין. פיר וואכן לאנג איז נישטא קיין ״זיך״. איך עס פארן אייבערשטן און איך שלאף פארן אייבערשטן. איך האב נישט קיין קפידות און קיין רוגזות, נאר פרייליך מיט א פנים מאירות. מיט דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין ״ללבוש צדקות ביום דין״ און ״למוחל עונות בדין״ בעזרת השם. א גוטע כתיבה וחתימה טובה, פועל׳ט אלעס גוטס און כל מיני ישועות וברכות. דער הייליגער באשעפער זאל אננעמען אלע תפילות און קבלות טובות ברחמים וברצון, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה.**

מיר זאלן קענען זאגן: ״הייליגער באשעפער, מיר זענען די אידן וואס האבן דורכגעמאכט דעם ביטערן און שווערן גלות, אבער מיט אמונה, שמחה און דביקות הבורא, מיט ביטול הרצון פארן רצון השם.״

מיט שטאלץ זענען מיר גרייט צו גיין אנטקעגן משיח און זיך טרעפן מיט אונזערע עלטערן און רבי׳ס. מיט די זעלבע שטאלץ, פארזיכערטקייט און בטחון, מיט א יראת הכבוד אבער מיט שמחה, וועלן מיר שטיין ראש השנה ביים יום הדין און זאגן: ״רבונו של עולם, מיר זענען דא פאר דיר בטל ומבוטל; וואס דו ווילסט, טאטע, דאס זאל זיין. מיר האבן נישט קיין אייגענע רצונות, נאר ׳ותמלוך עליהם מהרה לעולם ועד׳, אז זיין מלכות זאל אנערקענט ווערן אין די גאנצע וועלט.״ פועל׳ט אלעס גוטס, א לעכטיג יאר, א זיס יאר, א געזונט יאר ברוחניות ובגשמיות, ״והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

א גוט מארגן, מאנטאג די וואך פון ראש השנה, כ"ה אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

## זיך גרייטן צו די הייליגע טעג מיט חסד און צדקה גיין אין די וועגן פון באשעפער דורך עפענען דאס הארץ

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעדער איינער דארף אריינטראכטן וואס מען קען באנייען, מחדש זיין און אויפטון אין דעם ענין פון חסד און צדקה, כדי צו ווייזן פארן הייליגן באשעפער אז מיר גייען אין זיינע וועגן. "ה' ה' קל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת" וכו', "והלכת בדרכיו" – מען דארף דאך גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטן.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יעדער זאל אריינטראכטן און עפענען זיין הארץ, זיין מוח, און אלע זיינע טאלאנטן, חושים און כוחות, וויאזוי ער קען אויסנוצן און געבן פלאץ צו טון חסד און זיך אוועקצוגעבן פאר אנדערע אידן מיט וואס עס איז נאר שייך.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן אריינגעטראכט אז מיר ווילן אויך זיין א חלק פונעם עם ישראל, א חלק פון די מדת החסד און א חלק פון די "לובש צדקות"; אז מיר ווילן אנטון די מלבושים פון חסד און צדקה פארן הייליגן באשעפער כביכול.

## די שיינקייט פון מלך דורך אחדות און הכנסת אורחים

בעזרת השם ובסיעתא דשמיא, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס שטייט דאך "ברב עם הדרת מלך" – אז מען קומט זיך צוזאמען, מען דאווענט צוזאמען, מען פארברענגט און מען לערנט צוזאמען, איז דאס א מקום וואו עס קומט ארויס די שיינקייט פונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען קען קומען צו אונז אויף שבתים און ימים טובים, נישט קיין חילוק ווער, וואס, ווען אדער וואו. בעזרת השם וועט מען פרובירן ארויסצוהעלפן כאטש מיט אכסניות, אבער ביי אונז קען מען עסן, פארברענגען און מיטהאלטן די סעודות. מיר ווילן אויך האבן א שייכות מיט דעם ענין פון חסד, וואס וועט עפענען די טויערן אז מיר זאלן קענען "שבת אחים גם יחד" זיך צוזאמנעמען מיט אלע כוחות וואס מיר קענען נאר, זיך צו האלטן צוזאמען, דינען דעם אייבערשטן צוזאמען מיט שבח והודאה, און טרעפן וועגן וויאזוי זיך אנהאלטן אין דעם שווערן גלות דורך אחדות, דורך "הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד".

## כרחם אב על בנים: פארשטיין די מדה פון רחמנות

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער. מיר האבן אריינגעטראכט ביי די סליחות, וואו מען זאגט אזויפיל מאל: "כרחם אב על בנים כן תרחם ה' עלינו" – אזוי ווי א טאטע האט רחמנות אויף זיינע קינדער, אזוי זאל דער אייבערשטער אויף אונז רחמנות האבן.

וואספארא רחמנות האט א טאטע אויף זיינע קינדער? ביים סוף פון יעדע סליחות זאגט מען אויך: "מחי ומסי וגו'". מען זאגט דארט ווייטער: "ברא כד חטיי" – א זון ווען ער זינדיגט און פארזינדיגט זיך קעגן דעם טאטן, "אבי לקיי" – דער טאטע שלאגט אים און באשטראפט אים, אבער "אבוי" דחייס" – ווען דער טאטע האט רחמנות אויפן קינד, "אסי לכאיבי" – היילט ער אויס דעם ווייטאג, ער בעט זיך איבער און בארואיגט זיך.

מיר זעען דא אז דאס הייסט א טאטע: א טאטע איז איינער וואס איז מרחם, ער האט צום סוף רחמנות און ער היילט אויס דעם ווייטאג. ערווארט נישט דאס קינד זאל אליין אויסהיילן דעם ווייטאג, נאר דער טאטע אליין היילט עס אויס.

## אויפנעמען אונזערע אייגענע קינדער מיט ליבשאפט

אז מיר בעטן אזוי שטארק פונעם הייליגן באשעפער "כרחם אב על בנים כן תרחם", דארפן מיר אריינטראכטן: וויאזוי זעט אויס אונזער רחמנות אויף די בנים? האבן מיר רחמנות אויף אונזערע קינדער? האבן מיר אן אפענע הארץ, אן אפענע שטוב און אפענע ארעמס אויפצונעמען אונזערע קינדער, נישט קיין חילוק וואס זיי האבן געטון? נישט האלטן קיין ביכער קעגן די קינדער און נישט האבן קיין שווער הארץ, נאר אויסהיילן די שוועריגקייטן פון די

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ב פרשת ראש השנה כה לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

קינדער דורך דעם וואס מיר נעמען זיי אויף און מיר זענען זיי מוחל.

ווייל דאס קען נאר טון א טאטע אדער א מאמע, און דאס בעטן מיר פונעם הייליגן באשעפער.

יעדער טאטע און מאמע דארפן זיך אריינטראכטן: אזוי ווי דו ווילסט דער אייבערשטער זאל אויף דיר רחמנות האבן און דיך אויפנעמען אפילו דו ביסט נישט געווען ווי עס דארף צו זיין דורכאויס דעם יאר, און דו בעטסט דעם אייבערשטן ער זאל דיך ווארעם אננעמען, אויסהערן דיינע תפילות און דיר שיקן אלע דיינע בקשות און געברויכן –

טראכט אריין: טו איך דאס טאקע פאר מיינע קינדער? און אפילו איינער וואס האט נאך נישט קיין קינדער זאל אריינטראכטן: וואס וואלסטו געטון ווען דיין קינד וואלט געטון פאר דיר וואס דו האסט געטון פארן אייבערשטן, חלילה וחלילה? און זיין מקבל אויף זיך וויאזוי מען וועט מחנך זיין די קינדער און וויאזוי מען וועט זיי אויפנעמען, אפילו ווען זיי זענען אביסל אדער גאר אסאך אנדערש פון דיר.

עס איז דער רצון פון יעדן טאטן און מאמען אז די קינדער זאלן גיין אין זייערע וועגן. דער אייבערשטער וויל אויך מיר זאלן גיין אין זיינע וועגן, אבער ווען עס קומט סליחות בעט מען זיך ביים אייבערשטן: האב רחמנות אויף מיר! אזוי ווי א טאטע האט רחמנות אויף זיין קינד, דארף יעדער איד אריינטראכטן: וויאזוי זעט אויס מיין אהבה, מיין רחמנות, מיין נאכגעביגקייט, מיין מסירות נפש און מיין זיך אוועקגעבן פאר מיינע קינדער?

ווארט איך אז מיינע קינדער זאלן זיך אליין אויסהיילן אדער זיי זאלן קומען מיך אויסהיילן, אדער הייל איך זיי אויס? איך העלף זיי ארויסגיין פון די פלאנטערס דורך דעם וואס מיר נעמען זיי שיין אויף, מיר זענען מוותר און מיר געבן אוועק פון זיך, אפילו ווען עס גייט נישט דעם וועג וויאזוי מיר וואלטן געוואלט עס זאל גיין.

### שמחה און צדקה אין די ימים טובים

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זאגן אזויפיל שיינע ענינים פון שמחה אויף די הייליגע טעג פון די חסידישע ספרים. וועלן מיר ברענגען פון צוויי מקורות, לאו דווקא חסידישע, וואס זאגן געוואלדיגע רעיונות אויפן ענין פון שמחה אין די הייליגע טעג. דער ערשטער איז פונעם מאטערסדארפער רב זצ"ל, וואס איז געווען רב אין באראָ פארק.

ער ברענגט אזוי: מיר זאגן "ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה". פרעגט דער מאטערסדארפער רב: תשובה קען מען טון יום טוב, תפילה קען מען דאווענען יום טוב – האבן מיר די צוויי זכותים אז דער אייבערשטער זאל מבטל זיין די שלעכטע גזירה. אבער די דריטע זאך איז צדקה; מען קען נישט געבן קיין צדקה יום טוב, עס גייען נישט ארום קיין ארימעלייט אדער גבאי צדקה. מען קען אפשר צוזאגן, אבער מען קען נישט בפועל געבן. אויב אזוי, וויאזוי איז שייך צו זאגן אז תשובה, תפילה און צדקה גייען צוזאמען, ווען תשובה און תפילה קען מען מקיים זיין יום טוב און צדקה נישט?

נאר וואס דען? ברענגט דער מאטערסדארפער רב אז מען קען יא מקיים זיין די מצוה פון צדקה יום טוב: אז מען איז מתפלל אויף א צווייטן איד, ניצט מען אויס דעם ענין פון תפילה צו געבן צדקה. ווען איך דאווען פאר אנדערע אידן, איך בעט פאר זיי און האב זיי אינזין אין מיינע תפילות – דאס איז די צדקה וואס מען קען געבן אויך אין יום טוב.

### די עכטע צדקה: א שמייכל און אהבת ישראל

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר קענען צו דעם מוסיף זיין: געבן צדקה יום טוב מיינט שמייכלען, סובל זיין, נישט אריינפאלן אין כעס, נישט פאדערן, נישט האבן קיין טענות, און קענען פארטראגן אלע מענטשן מיט וועמען מיר קומען אין בארירונג. ליב האבן אלע מענטשן, אפילו אויב זיי טראכטן אנדערש, און אפילו אויב איך וואלט געדארפט האבן פון זיי געוויסע זאכן וואס זיי געבן מיר נישט אדער קענען מיר נישט געבן. לעב אבער מיט אהבת ישראל, לעב מיט א שמייכל, מיט זיך אוועקגעבן און יענעם חשוב מאכן. אידישע קינדער, דאס איז די עכטע צדקה.

תשובה מיינט טון תשובה פאר זיך אליין; תפילה מיינט דאווענען פאר זיך און פאר אנדערע אידן; און צדקה מיינט

זיך איינגאנצן אוועקגעבן פאר אנדערע אידן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

### די מעשה פונעם קרוב אין בארדיטשוב

ס׳איז געווען א איד וואס האט געמאכט זיין טאכטער א כלה, אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט פאר די חתונה און פארן נדן. ער האט זוכה געווען צו א חתן א ירא שמים כהלכות גוברין יהודאין, א תלמיד חכם, אבער ער האט געדארפט מקיים זיין זיין חלק און געבן א גרויסן נדן כדי צו באקומען אזא חתן.

ער איז ארומגעגאנגען פון שטאט צו שטאט און פון דארף צו דארף, אבער ווען ער איז אנגעקומען צוריק אהיים, האט ער קוים געהאט עפעס געלט אין בייטל וואס ער האט צוזאמגעשטעלט; קוים גענוג אויף צו נוצן פארן טאג-טעגליכן לעבן, אוודאי נישט פאר א חתונה און א נדן.

האט זיין רעבעצין אים געזאגט אז זיי האבן א קרוב משפחה, א גרויסער עושר, וואס וואוינט אין די שטאט בארדיטשוב. כאטש זיי האבן נישט געהאט מיט אים קיין שטארקע שייכות, אבער א קרוב בלייבט א קרוב. יעצט אז דער מצב איז אזוי ענג, וועט ער אפשר געבן א גוטע נתינה, אדער אפילו אויסצאלן די גאנצע חתונה מיט דעם נדן. זי האט געבעטן איר מאן ער זאל פארן קיין בארדיטשוב, אריינקלאפן צו דעם קרוב און זען אויב ער וויל ארויסהעלפן אין דעם מצב.

דער איד איז געגאנגען, ער האט זיך צוזאמגעפאקט זיין זעקל און זיין שטעקן און איז ארויסגעגאנגען אויפן וועג. עס איז געווען א שווערע רייזע; די וועגן און שטעגן זענען דאך שווער, אמאל איז קאלט און אמאל הייס, אמאל רעגנט, און מען ליידט פון הונגער און דארשט.

ווען ער איז אנגעקומען קיין בארדיטשוב, איז ער שוין געווען ממש אן אויסגעמאגערטער מענטש, ער האט קוים געהאט אביסל חיות אין זיך. ער איז אריינגעקומען צום עושר, און דער עושר האט נישט געקענט צוקוקן זיין אויסגעמאגערטע און אויסגעקלאפטע צורה. ער האט גלייך געזאגט פאר די משרתים אז די ערשטע זאך זאל מען אים געבן צו עסן, א גוטע בעט צו שלאפן, גוטע געטראנקען און פרישע קליידער. ער האט געהייסן מאכן זיכער אז ער האט א גוטע דאכענע און גוטע קישענעס, כדי ער זאל פשוט צוריק ווערן א מענטש און אויפגעלעבט ווערן גופניות׳דיג און אוודאי אין זיין געמיט. פארדעם האט ער אפילו נישט געוואלט רעדן צו אים.

איינמאל ער איז געקומען צו זיך, ער האט זיך אויסגערוהט און איז געווען רואיג און האט אויסגעקוקט בעסער, האט אים דער בעל הבית געפרעגט: ״מיין טייערער איד, וואס ביסטו אהער געקומען?״ האט ער אים געזאגט: ״דו ווייסט, מיר זענען דאך קרובים.״ האט אים דער עושר געפרעגט: ״וויאזוי זענען מיר קרובים?״ האט ער אים מסביר געווען מיט א שווריקייט, ווייל באמת איז עס געווען א קרוב פון זיין ווייב און ער האט נישט אזוי גוט געקענט דעם יחוס, אבער ער האט עפעס צוזאמגעקראצט.

דער עושר זאגט: ״אה, יעצט פארשטיי איך שוין.״ ער האט ארויסגענומען פינף גאלדענע רענדלעך און עס אים געגעבן.

האט דער איד געזאגט: ״ניין, איך בין נישט געקומען נעמען פינף גאלדענע רענדלעך. איך בין געקומען צו דיר פון אזא לאנגן וועג, איז כדאי דו זאלסט מיר געבן הונדערט פופציג, צוויי הונדערט אדער דריי הונדערט! נישט נאר פינף גאלדענע רענדלעך! ניין, איך קען עס נישט נעמען.״

האט דער עושר געזאגט: ״וואס הייסט! דאס געב איך נישט פאר יעדן ארימאן וואס קומט אריין, עס איז א שיינער סכום.״

האט ער אים געענטפערט: ״טאקע, אבער איך בין דאך א קרוב משפחה.״ האט אים דער גביר געזאגט: ״אויב איך זאל מיך רעכענען מיט יעדן איינעם וואס ווערט ביי מיר א קרוב משפחה, קען איך אויסהאלטן א האלבע מדינה. יעדער איינער קומט און זאגט אז ער איז א קרוב משפחה.״

דער איד האט געזען אז ער האט נישט וואס צו זוכן דארט. ער איז געווארן איינגאנצן צוקלאפט און צובראכן.

ער איז געגאנגען צום הייליגן קדוש וטהור, דער הייליגער קדושת לוי, רבינו לוי יצחק בן שרה סאשא בן מאיר זכר צדיק וקדוש לברכה זכותו יגן עלינו, און ער האט זיך אויסגעוויינט. ער האט דערציילט די שווערע וועגן און שטעגן וואס ער איז דורכגעגאנגען אין די שטעט און דערפער, און צום סוף געבט אים יענער די נישטיגע פינף גאלדענע רענדלעך. ער קען נישט אזוי אהיימגיין, ער איז

אינגאנצן צובראכן. ״וואס וועט זיין דא?״ האט ער געפרעגט.

האט אים דער הייליגער בארדיטשובער געזאגט: ״בעצם קענסטו נישט האבן קיין טענות אויפן גביר. ער האט דיר געגעבן צו עסן און טרינקען, ער האט דיר געגעבן קליידער, א בעט, קישענעס און דאכענעס, אלעס אויפן שענסטן און בעסטן אופן. דו קענסט נישט האבן קיין טענות אויף אים. אבער לאמיר זען וואס איך קען טון; בלייב דא אויף שבת.״

עס איז געווען דער שבת פאר סליחות, און דער איד איז דארט געבליבן. דעם ערשטן טאג סליחות פארטאגס איז ער געקומען אין בית המדרש, וואס איז געווען געפאקט מדרשקא לדרשקא. דער הייליגער בארדיטשובער דארף צוגיין פארן עמוד זאגן סליחות. יעדער ווארט אז דער רבי זאל אריינקומען, אבער ער האט פארשפעטיגט.

פלוצים מאכט דער גבאי אויף די טיר, גייט צו צום גביר און זאגט אים אז דער הייליגער בארדיטשובער לאזט אים רופן. א ציטער האט אים ארומגענומען: ״וואס וויל דער רבי פון מיר? האב איך עפעס נישט גוט געטון, אז צוליב מיר וויל דער רבי נישט זאגן סליחות?״ ער קומט אריין און פרעגט: ״רבי, האב איך עפעס געזינדיגט אז איך האלט אפ דעם רבי׳ן פון זאגן סליחות?״

### דער הייליגער בארדיטשובער דעם ענין פון זכות אבות

האט אים דער הייליגער בארדיטשובער געענטפערט: ״יעדער יאר ווען עס קומען די ימי הסליחות און מען הייבט אן בעטן פונעם אייבערשטן מחילה, סליחה וכפרה אויף די חטאים, עונות און פשעים, מוז מען זיך קענען פארענטפערן. מען מוז עפעס מסביר זיין פארן אייבערשטן: פארוואס האבן אידן שוין ווייטער געזינדיגט? פארוואס טוט מען נישט תשובה און מען הערט אויף צו זינדיגן? נאר וואס טוען מיר? מיר זאגן סליחות און מיר דערמאנען זכות אבות – די זכותים פון אברהם, יצחק און יעקב. אין אלע פיוטים פון אנפאנג ביזן סוף פון די הייליגע טעג, האלט מען אין איין דערמאנען די זכות אבות פון אברהם, יצחק און יעקב.״

זאגט דער הייליגער בארדיטשובער: ״אסאך מאל טראכט איך ביי מיר: פארוואס דערמאנסטו די אבות הקדושים אברהם, יצחק און יעקב? האסטו עפעס א נאנטקייט מיט זיי? האסטו עפעס א שייכות מיט זיי? וואס הייסט אז דו בעטסט אין זייער זכות? אבער מיר ענטפערן: יא, מיר האלטן זיך נאנט, מיר גייען אין זייערע וועגן, און מיר זענען מקושר מיט די אבות הקדושים.״

״לאמיר דיר פרעגן, טייערער גביר,״ האט דער רבי אויסגעפירט, ״אויב ביי דיר ווערט א איד וואס קומט צו פארן פון דערווייטנס און זאגט ער איז דיין קרוב, נישט פארערכנט אלס א קרוב, און ממילא פילסטו נישט אז דו דארפסט אים געבן קיין גרויסע סכומים פאר צדקה – אוי באשעפער, וויאזוי וועלן מיר קענען בעטן אז דער אייבערשטער זאל אונז העלפן אין זכות פון אברהם, יצחק און יעקב? וואס איז דען אונזער קרובות צו די אבות נענטער ווי דער קרוב וואס איז יעצט געקומען צו פארן פון א ווייטע שטאט?״

אזוי ווי דער עושר האט דאס געהערט, האט ער געזאגט: ״רבי, איך וועל אויסהאלטן די גאנצע משפחה.״ תיכף איז דער הייליגער בארדיטשובער געווארן זייער פרייליך און ער האט אויסגערופן: ״אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה.״

### אחדות ישראל: דער שליסל צו אלע ישועות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס זענען מיר ארויס פון די מעשה? אז דא אונטן, אויב מיר אנערקענען דעם זכות אבות, דעמאלטס אנערקענט מען אויך אויבן אין הימל אונזער זכות אבות.

וואס איז טאקע דער זכות אבות? דאס איז ווען מען האלט זיך נאנט מיט די תורה, מען האלט זיך נאנט מיט׳ן בורא, און מען האלט זיך נאנט מיט זיינע קינדער. וויאזוי קענען מיר בעטן זכות אבות אויב עס הערשט ביי אונז א פירוד? עס זענען דא עלטערן וואס רעדן נישט צו די קינדער, קינדער וואס רעדן נישט צו די עלטערן, און משפחה מיטגלידער וואס רעדן נישט איינער צום צווייטן. סתם עמך אידן וואס רעדן נישט איינער מיט׳ן צווייטן – וויאזוי איז דאס מעגליך? ווי קענסטו רעדן צום טאטן אין הימל ווען דו אנערקענסט נישט זיינע קינדער?

### בטל מאכן דעם ׳איך׳ פארן ׳עם סגולה׳

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן מאכן זיכער אז מיר זענען מקושר, אז ביי אונז ווערט יעדער איד אויפגענומען מיט א פריינטליכקייט. יעדער איז א קרוב, יעדער איז א ברודער. ״בָּנִים אַתֶּם לַה׳ אֱלֹהֵיכֶם״ – מיר זענען אלע ברידער. אויב איך לאז אויס א צווייטן איד, וועט דער אייבערשטער חלילה פרעגן: ״וואס איז דיין יחוס אז דו דערמאנסט זכות אבות?״ אויב א מענטש וויל דערמאנען זכות אבות, דארף ער מאכן זיכער אז ער איז נישט מצער די אבות; ער דארף מאכן זיכער אז די אבות זענען זייערע קינדער,

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לעבן מיט אן אחדות, מיט מוחל זיין, מיט סובל זיין, און מיט ליב האבן די תורה, דעם בורא און אלע אידישע קינדער. מיט מסירות נפש דארף מען זען נישט צו האבן קיין שווער הארץ אדער רוגז אויף קיינעם.

מיר דארפן זיך ארייטראכטן מיט מסירות נפש: מיר זאגן ביי סליחות אזויפיל מאל ״דו אייבערשטער״, מיר רעדן צום אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל. טראכט א מינוט: אז דו רעדסט אזויפיל פונעם אייבערשטן און צום אייבערשטן, וואו קומט דא אריין דער ״איך״? וואו קומט אריין די אנכיות? די אנכיות דארף זיין בטל ומבוטל כעפרא דארעא.

אונזער גאנצע עקזיסטענץ איז זכות אבות, אחדות, און זיין אן עם סגולה – דאס איז איין פאלק, עס איז נישט אז יעדער איינער איז א פאלק פאר זיך. דערפאר, ווען איינער איז מקיים נפש אחת מישראל און ראטעוועט א איד, איז עס כאילו ער האט אויפגעהאלטן די גאנצע וועלט, ווייל יעדער איד איז א גאנצע וועלט; עס איז אן אחדות, עס איז איין צוזאמענשטעל.

הייליגע לעכטיגע קינדער, די גרעסטע שמחה וואס א איד האט, די גרעסטע תענוגים און די גרעסטע געגועים וואס מיר האבן, איז צו קענען דינען דעם אייבערשטן באמת, אן קיין שום אייגענע נגיעות און אן קיין שום אנכיות, ממש בטל ומבוטל כעפרא דארעא צום רצון השם. מיט דעם צוגאנג גרייטן מיר זיך צו צו די הייליגע טעג.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר פועלן כל מיני ישועות. לאמיר אויסבעטן פאר זיך, פאר די קינדער, פאר די אייניקלעך און אור-אייניקלעך, פאר די עלטערן און פאר גאנץ כלל ישראל. לאמיר זיך אויסבעטן כל טוב. לאמיר געבן צדקה. צדקה מיינט אוועקגעבן פון זיך, אוועקגעבן כדי מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, צו זיין תורה׳דיג, ליב צו האבן און צו שעצן א צווייטן. אויפצוהייבן אידישע קינדער, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. פועל׳ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

### גרייטן זיך צום נייעם יאר תשפ"ה מיט א גוט אויג אויף אידן

א גוט מארגן, דינסטאג, די וואך פון ראש השנה, כ"ו אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער.

כ"ו איז דער שם הוי"ה, י"ק ו"ק, מידת הרחמים. מיר שטייען יעצט אט-אט ביים שוועל וואו עס ענדיגט זיך דאס יאר תשפ"ו און עס הייבט זיך אן א ניי יאר, תשפ"ז. עס קומט דער יום הדין, די ימי הרחמים והרצון. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **לאמיר אלע מליץ יושר זיין אויף אלע אידישע קינדער און זאגן פארן הייליגן באשעפער: דיינע קינדער זענען גוט, דיינע קינדער זענען וואויל, דיינע קינדער זענען ערליך**. עס זענען דא אזעלכע וואס מוטשענען זיך זייער שווער מיט דעם גלות, זיי קענען דאס נישט סובל זיין און זיי פאלן אדורך. אבער הייליגער באשעפער, אינעווייניג האבן דיך אלע אידן ליב, אלע אידן גלייבן אינעם "אין עוד מלבדו".

מיר דארפן בעטן ביים אייבערשטן: פארשרייב פאר אלע אידישע קינדער א גוטע כתיבה וחתימה טובה, א לעכטיג, לוסטיג און פרייליך יאר. עס זאל זיין פאר אידן אך טוב וחסד.

**הייליגער באשעפער, אלע אידן ווילן אז פאר אלע אידן זאל זיין גוט. מיר האבן דא א פאראייניגטן פראנט, אן אחדות פון גאנץ כלל ישראל. יעדער איד פון כלל ישראל וויל אז פאר יעדן איינעם פון כלל ישראל זאל זיין גוט.** מיר זענען יעדן איינעם מוחל, און מיר זענען יעדן איינעם סובל. און מיר בעטן דיך, הייליגער באשעפער, פיר עס אזוי אויס אז אלע אידן זאלן אונז מוחל זיין, און הייליגער באשעפער, זיי אונז אלע מוחל אויף אונזערע חטאים, עוונות ופשעים. הייליגער באשעפער, ברענג אונז שוין משיח. מיר שפירן אז מיר האבן שוין נישט אזויפיל כח. משיח דארף שוין קומען פשוט כדי מגלה צו זיין דעם כבוד שמים, צושפרייטן די תורה אויף דער וועלט, צושפרייטן ערליכקייט אויף דער וועלט, אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן מיט הרחבה והרווחה, געזונט און שטארק, ברוחניות ובגשמיות.

### א פראקטישע קבלה: רופן א צווייטן איד וואונטשן א גוט יאר

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס קענען מיר טון צו טון חסד פאר אידישע קינדער, זיך אוועקגעבן פאר אידישע קינדער, מתפלל זיין פאר אידישע קינדער, אדער זאגן א גוט ווארט פאר אידישע קינדער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אויב ווייסטו פון דיין משפחה, פון דיינע חברים, ביי די פרויען די חבר'טעס – אלטע, פריערדיגע, נייע, אדער מיטעלע – וואס זיצן און ווארטן אויף א גוט ווארט, רוף זיי אן און וואונטש זיי א גוט געבענטשט יאר. טראכט אדורך די רשימה: וועמען קענסטו מחיה זיין און רופן יענעם צו ווייזן "איך האב דיך אינזין געהאט", "איך געדענק אז דו עקזיסטירסט", "דו ביסט ביי מיר חשוב", "איך וויל דיר רופן אנווונטשן א גוט געבענטשט יאר". דאס איז עס. טראכט פון יעדן איד און רוף. וויפיל דו קענסט, וויפיל דו שפירסט באקוועם, אבער רופט אן מענטשן.

און אויב עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז דו ביסט אויף זיי ברוגז, אדער דו מיינסט אז דו ביסט אויף זיי ברוגז, רוף זיי אן און וואונטש זיי א גוט יאר. און אויב עס וועט נישט מאכן א שלעכטן איינדרוק, קען מען זיך אויך איבערבעטן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען דא צו לעבן באחדות ובשמחה. פנים מאירות, אשב"ש, אמונה, שלום, בטחון ושמחה – אני שמח בחלקי שלי.

### די מעשה פונעם בית אהרן: נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז געווען ביים "בית אהרן" פון קארלין א פריץ, דער גובערנאטאר, וואס איז אין דער גאנצער געגנט ארום קארלין געווען א שרעקליכער רשע, א גוי, א שונא ישראל און א שלעכטער מענטש בעצם.

דער הייליגער רבי אהרן פון קארלין פלעגט אים כסדר בארויאגן דורך געבן שוחד; ער פלעגט אים שיקן געלט. אזוי פלעגט ער נישט קומען ווען עס איז געקומען יום טוב און עס איז געקומען א גרויסער עולם; ער האט נישט באטראכט די פאספארטן פון די חסידים ווייל מען האט אים געשמירט. אזוי האט מען געקענט רואיג קומען צום בית אהרן אויך פון אנדערע מדינות. ער איז נישט געווען מדקדק אויף די פאספארטן, מען האט אים גוט געשמירט און אלעס איז געגאנגען כשורה.

איינמאל האט דער גובערנאטאר, דער פריץ, געגרופן דעם וואס איז דארט געווען ממונה אויף די אלע אורחים, און אים געזאגט אז ער גייט קומען ראש השנה און בודק זיין אלע פאספארטן, און ער האט זיך יענע יאר בשום אופן נישט געלאזט נעמען קיין שוחד.

דער ממונה פונעם בית אהרן, וואס איז געווען פאראנטווארטליך אויף די אורחים, האט עס נישט געקענט אויסהאלטן און איז אריינגעפאלן אין בעט מיט א הויכן פיבער. דער בית אהרן האט געזען אז ער קומט נישט; עס איז ערב יום טוב, מען דארף זיך גרייטן, און ער זעט אים נישט דא ארבעטן און צוגרייטן פאר די אורחים. האט ער אים געלאזט רופן פרעגן וואס גייט פאר. האט ער אים געזאגט אז ער האט פיבער ווייל דער פריץ האט אים געזאגט אז ער גייט קומען יום טוב בודק זיין אלע פאספארטן און ער וויל נישט נעמען קיין שוחד. ער ציטערט פאר סכנת נפשות, ווייל עס קומט אן עולם און וואס

פארלאזט זיך אויפן שוחד, און ביזדערווייל גייט עס היי-יאר נישט.

האט דער בית אהרן אים געזאגט ער זאל גיין צו זיין זון, רבי אשר פון סטאלין, און אים איבערזאגן אלעס וואס ער האט דערציילט, און שפעטער קומען זאגן וואס ער האט געענטפערט; אבער וואס אימער ער זאגט, אזוי זאל ער טון.

ער איז געגאנגען צו רבי אשר. רבי אשר איז געווארן זייער אויפגעקאכט, א פלאם פייער, און ער האט געזאגט: "ראש השנה איז א זמן וואס מיר זאגן 'ומלכותו בכל משלה' – דעם אייבערשטנ'ס מלכות וועלטיגט אויף אלעס און אויף יעדן. ראש השנה איז א טאג וואס עס ווערט נתגלה דער כבוד מלכותו יתברך אין אלע וועלטן. **אויב עס איז דא א קבלת עול מלכות שמים, דארף מען פאר גארנישט און פאר קיינעם נישט מורא האבן**. 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יצור כי אתה יצרתו, ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך.' נאר דער אייבערשטער איז מלך, עס איז נישטא קיין שום אנדערע שליטה בעולם, און מען דארף פאר גארנישט מורא האבן.

אזוי האט געזאגט דער הייליגער רבי אשר פון סטאלין נאך פאר ער איז געווארן רבי, אין די צייטן פונעם בית אהרן. מען האט עס איבערגעזאגט פארן בית אהרן, האט ער געזאגט: "טאקע אזוי, מען דארף פאר גארנישט מורא האבן, ווייל מיר זענען מקבל עול מלכות שמים." ראש השנה בייננאכט האט זיך דער פריץ געלייגט שלאפן און ער איז צופרי נישט אויפגעשטאנען. דעמאלט איז נתגלה געווארן אז "כי לה' המלוכה ומושל בגוים".

## די עבודה פון ראש השנה: ממליך זיין דעם באשעפער באמת

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען גייט אריין אין די הייליגע טעג מיט אמונה און בטחון אז "אמת מלכנו אפס זולתו". עס איז נישטא קיין שום כח אויף דער וועלט אויסער דעם "אין עוד מלבדו", דער "אחד יחיד ומיוחד", "הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים".

דאס איז די ארבעט ראש השנה, דאס איז די עיקר תפילה און די עיקר עבודה: ממליך צו זיין קודשא בריך הוא ושכינתיה אויף דער גאנצער וועלט. וואס מיינט ממליך זיין אויף דער וועלט? נישט אז עס איז דא א וועלט און מען מאכט דעם באשעפער קעניג דערויף, נאר אז עס איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער מלכותו יתברך. "אחד יחיד ומיוחד היה הווה ויהיה". אז א מענטש לייגט זיך אריין אין דעם, גלייבט אין דעם, זאגט עס און הארעוועט דערויף, זאגט דער בית אהרן אז עס איז נישטא וואס מורא צו האבן און עס זענען נישטא קיין שום פחדים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז יעצט ראש השנה, און אויך א גאנץ יאר. ווען א מענטש געפינט זיך אין א מצב וואו ער האט מורא – ער האט מורא פון בעלי חובות, פון דעם מצב מיט די קינדער אדער די משפחה, ער האט מורא פאר זיין געזונט, זיין פרנסה אדער פון דער רעגירונג – איז נישטא וואס מורא צו האבן. זיי מקבל אויף דיר עול מלכות שמים באמת ובלב שלם; **אויב עס איז דא אן אמת'דיגע קבלת עול מלכות שמים, איז נישטא קיין שום צרה, עס איז אלעס כולו טוב, עוז וחדוה במקומו**.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן אלעס אוועקווארפן און נישט אריינברענגען צום נייעם יאר קיין שום עצבות, קיין מרה שחורה, קיין פחדים, און נישט קיין בלבול המחשבות. מיר זענען אין די הענט פונעם אייבערשטן, אין די הענט פון הקדוש ברוך הוא. מיר זענען מבטל אונזערע רצונות צו דעם רצון השם; דאס איז אונזער ישועה און דאס איז אונזער ברכה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען גייט אדורך שוועריגקייטן וואס זענען גאר שווער, ביטער שווער, און געפערליך שווער. אבער "אין עוד מלבדו", "ותמלוך אתה הוא ה' אלקינו מהרה לבדך על כל הארץ". הייליגע לעכטיגע קינדער, דאס איז אונזער תפילה, דאס איז אונזער בקשה,

און דאס איז אונזער קבלה טובה אויפן נייעם יאר. אין עוד מלבדו – עס איז נישטא קיין שום כוח בעולם. איך האב נישט מורא פון קיין מענטשן, איך ווער נישט פארווייטאגט פון מענטשן אדער אויף מענטשן, און איך היט מיך אז קיינער זאל פון מיר נישט פארווייטאגט ווערן, ווייל אלעס טוט דער אייבערשטער, און מיר זענען בלויז שליחי דרחמנא, שליחים פונעם הייליגן באשעפער.

## די צוויי פחדים פון יצחק אבינו: פחד ה' ברענגט צו שמחה

הערט א מורא'דיג ווארט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. עס שטייט אין מדרש תנחומא, אז ווען יעקב אבינו האט אויסגעכאפט די ברכות פון עשו, שטייט "ויחרד יצחק חרדה גדולה". יצחק האט אויפגעציטערט מיט א גרויסן ציטערניש. זאגט רבי לוי בשם רבי חמא בר חנינא, אז צוויי מאל זעט מען אז יצחק אבינו איז אויפגעציטערט געווארן: איינס, ווען מען האט אים געלייגט אויפן מזבח און זיין טאטע אברהם אבינו האט גענומען דעם מעסער אים צו שעכטן; און דאס צווייטע מאל, ווען עשו איז אריינגעקומען און ער האט געכאפט אז יעקב אבינו האט אויסגעכאפט די ברכות.

זאגט דער מדרש, אז מיר ווייסן טאקע נישט וועלכע חרדה איז געווען גרעסער, אבער אזוי ווי ביי די ברכות שטייט "ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאד", ווייסן מיר שוין אז דאס איז געווען א גרעסערע חרדה און א גרעסערער ציטער ווי ווען ער איז געווען אויפן מזבח און אברהם אבינו האט גענומען דעם מעסער.

שטייט אין פסיקתא דרב כהנא, אז רבי אלעזר בן פדת זאגט: פארוואס האט יצחק אבינו אזוי אויפגעציטערט?

ער האט מורא געהאט פונעם יום הדין. ווייל ווען יצחק האט געוואלט בענטשן עשו, האט ער דאך נישט געוואוסט אז עשו איז ארויס לתרבות רעה; ער האט געמיינט אז ער איז א צדיק, וויבאלד ער פלעגט פרעגן וויאזוי מען מעשר'ט וואסער און זאלץ. האט יצחק אבינו געטראכט: אויב ער וויל מעשר'ן אפילו וואסער און זאלץ, גיט ער דאך זיכער מעשר פון אלעם. וואס איז דא געשען? אזוי ווי ער האט געזען אז דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז יעקב אבינו זאל צונעמען די ברכות, איז אים נתגלה געווארן דער עכטער עשו, און פון דעם האט ער אויפגעציטערט. ער האט זיך אליין דערשראקן פון זיין אייגענעם יום הדין. אזוי שטייט אין פסיקתא דרב כהנא.

אויב ביי דעם צונעמען די ברכות איז געווען א "חרדה גדולה", א סאך גרעסערער ציטער ווי ביי עקידת יצחק,

איוב אזוי פארוואס טרעפן מיר דעמאלטס ביי עקידת יצחק אז זיין נשמה איז ארויסגעגאנגען און דער הייליגער באשעפער האט עס אים געדארפט צוריקברענגען, בשעת דא ביי די ברכות שטייט נישט אז זיין נשמה איז ארויסגעפלויגן?

אויף דעם איז דא א ווארט פון רבי נתן וואכטפויגל זצ"ל. ער זאגט אז עס זענען דא צוויי סארטן חרדות: איין חרדה איז געווען ווען ער איז געווען אויפ'ן מזבח און געזען אז ער גייט שוין אוועק פון די וועלט און מען גייט אים שעכטן; ער האט געכאפט אזא פחד אז די נשמה איז ארויסגעפלויגן.

ווידער די צווייטע חרדה איז געווען א ציטער פון "פחד ה' והדר גאונו" – א פחד פון יראת שמים, יראת חטא, און יראת הכבוד, זעענדיג ווי דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז יעקב אבינו זאל באקומען די ברכות. ער האט פארשטאנען אז עס וואלט נישט געטויגט ווען די ברכות קומען אן צו עשו. דאס איז נישט געווען קיין פחד פון מיתה, נאר א פחד פון יראת השם און אהבת השם. זאגט רבי נתן וואכטפויגל: **א פחד פון א מעסער קען מאכן די נשמה ארויספליען, אבער א פחד פון יראת השם און אהבת השם פארמערט נאר דאס לעבן און ברענגט אריכות ימים.**

רבי נתן וואכטפויגל האט צוגעלייגט, **אז יראת שמים ברענגט א געוואלדיגע שמחה. לערנען מוסר דארף ברענגען א סיפוק, א שמחה, און א גליקליכקייט פאר א מענטש. אויב דו זעסט א מענטש וואס לערנט מוסר און ווערט טרויעריג, איז עס א סימן אז ער לערנט נישט ריכטיג מוסר.**

יצחק אבינו איז דער יסוד און דער עמוד פון יראה, אבער זיין נאמען איז "יצחק" מלשון צחוק, "יצחק ירנן". אמת'ע יראת שמים ברענגט שמחה, עס ברענגט צו זינגען שירות ותשבחות.

ישמעאל האט געזען א התגלות כבוד השכינה אבער ער איז נישט אויפגעציטערט געווארן; ער האט געלאכט. צום סוף האט ער טאקע תשובה געטאן, ווייל ער איז געווען בשמחה. עשו אבער איז טאקע אויפגעציטערט געווארן, אבער ער איז געבליבן טרויעריג, דעריבער גייט ער פארלוירן ווערן מן העולם און בטל ווערן ווען משיח וועט קומען.

## ראש השנה איז א צייט פון 'וגילו ברעדה'

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס איז ראש השנה? ראש השנה איז פחד און יראה. די גאנצע הייליגע טעג זענען פול מיט פחד און יראה. אבער אויב האסטו געהארעוועט א גאנץ יאר, וועט עס זיין גרינגער. מיר הארעווען א גאנץ יאר אויף "פנים מאירות", אויף בטחון און שמחה. יעצט גייען מיר אריין אין די הייליגע טעג, און מיר ארבעטן ארויסצוברענגען פון יעדע זאך שבח והודאה פאר'ן אייבערשטן, צו זען דעם "אך טוב וחסד" און זינגען זמירות שירות ותשבחות פונעם הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אפילו ביי יצחק, וואס איז די מדת הגבורה און פחד, איז דא דער ענין פון צחוק, פון "יצחק ירנן" און "וגילו ברעדה".

יעצט איז נישט קיין צייט פאר טרויעריגקייט. מען דארף מקבל זיין אויף זיך פון יעצט ביז נאך שמחת תורה נישט צו האבן קיין כעס, קיין רגזה, קיין גאוה, און קיין קפידות.

**עס זאל זיין א שמחה'דיגע ערב יום טוב און שמחה'דיגע ימים טובים מיט א רואיגקייט.**

מאך אפ ביי דיר: קיינער קען מיך נישט ארויסנעמען פון די כלים און קיינער קען מיך נישט צוברעכן אדער אופהייבן, אלעס טוט נאר דער אייבערשטער אליין, "כי לה' המלוכה ומושל בגוים". איך וויל ווייזן פאר מיר און פאר די גאנצע וועלט אז מיר זענען ממליך קודשא בריך הוא ושכינתיה דורך דעם וואס מיר שמייכלען, מיר האבן נישט קיין קפידות אדער רוגזה, מיר בלאזן נישט אויף קיינעם און איגנארירן קיינעם, נאר מיר נעמען יעדן אויף מיט ביידע ארעמס. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חזק חזק ונתחזק! דאס איז אונזער עבודה יעצט: זיך שטארקן מיט שמחה און אמונה, דאווענען, און זיך מוסר נפש זיין פאר'ן אייבערשטן.

## די מעשה פונעם פייפער ביים בעל שם טוב הקדוש

ס'איז באקאנט אז ס'איז געווען א דארפסמאן וואס האט געדאוונט אין בית המדרש פונעם הייליגן בעל שם טוב. ער האט געהאט א קינד, א יונגעלע וואס האט געהאט א זייער פארשטאפטן קאפ און א פארשטאפט הארץ. ער האט גארנישט געקענט לערנען אין חדר, אפילו נישט די צורת האותיות.

דער טאטע פלעגט אים נישט מיטנעמען אין בית המדרש אין די הייליגע טעג, ווייל ער האט ממילא נישט געקענט דאווענען. נאך זיין בר מצוה האט אים דער טאטע יא מיטגענומען אויף יום כיפור, פשוט ווייל ער האט געוואלט אכטונג געבן אז ער זאל נישט עסן יום כיפור.

דער בר מצוה בחור איז געווען א עם הארץ; ער איז בעצם געווען א פאסטעך, און ער האט געהאט דעם פייפל מיט וואס מ'קלויבט צונויף די שעפעלעך. ער האט מיטגענומען דעם פייפל אין טאש אויף יום כיפור. באמת איז עס מוקצה, אבער ער האט דאך נישט געקענט קיין הלכות, און דער טאטע האט נישט געוואוסט דערפון.

דאס קינד זיצט אין בית המדרש און ער זעט ווי יעדער דאוונט, מ'זאגט ווערטער, און מ'וויינט. מ'האט געהאלטן אינמיטן מוסף, זאגט דאס קינד פאר'ן טאטן אז ער האט דעם פייפל און ער וויל פייפן. דער טאטע האט זיך דערשראקן און אים געזאגט: "טו עס נישט! אינמיטן יום כיפור, אינמיטן דאווענען, צו פייפן נאך אין בית המדרש? ס'איז דאך אויך מוקצה, טו עס נישט!"

ווען ס'איז געקומען צו מנחה, האט ער נאכאמאל געבעטן דעם טאטן אז ער וויל בלאזן. ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט לערנען, ער קען גארנישט. "לאמיך כאטש עפעס טון פאר'ן אייבערשטן, איך וויל געבן א פייף מיט דעם פייפל." דער טאטע האט זיך געבעטן ביי אים ער זאל עס בשום אופן נישט טון.

נאך מנחה האט ער נאכאמאל געבעטן דעם טאטן: "אפשר דאך?" אבער דער טאטע האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, כאטש דאס קינד האט זיך שטארק געבעטן. דער טאטע האט אנגעהויבן חושד זיין אז דאס קינד גייט באלד פייפן, האט ער אים געפרעגט וואו ער האלט עס, און ער האט אים געוויזן אין וועלכן טאש. דער טאטע האט אנגעהאלטן דעם טאש כדי ער זאל נישט קענען ארויסנעמען דעם פייפל.

מ'האלט אינמיטן נעילה, און דאס קינד האט זיך ארויסגעריסן פון זיין טאטנס האנט, ארויסגענומען דעם פייפל, און אינמיטן דער שטילער שמונה עשרה פון נעילה — אדער וואו מ'האט נאר געהאלטן — האט ער געפייפט; ער האט געמאכט דעם פייף וואס די פאסטעכער מאכן.

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט פייפן, האט דער בעל שם טוב מקצר געווען דאס דאווענען, און מ'האט יענעם יאר געענדיגט תפילת נעילה פרי.

נאכן דאווענען האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט אז דער פייף האט ארויפגענומען אלע תפילות און ממתיק געווען אלע דינים, און ממילא האט מען געקענט שנעל ענדיגן דאס דאווענען.

האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט: "ס'שטייט א קינד און זאגט: איך קען נישט דאווענען, איך קען נישט לערנען, אבער יעדער זאגט דאך עפעס, ער וויל אויך עפעס טון פאר'ן אייבערשטן." ער איז געווען דורשטיג און הונגעריג עפעס צו טון פאר'ן באשעפער, און די איינציגסטע זאך וואס ער האט געהאט איז געווען דעם פייפל; דאס איז געווען די איינציגסטע זאך מיט וואס ער האט געקענט אויסגעבן זיינע כוחות.

## דער אייבערשטער וויל אונזער הארץ און אונזערע כוחות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר שטעלן זיך דא אין די טעג און זאגן פאר'ן אייבערשטן סליחות א גאנצן טאג — ראש השנה, יום כיפור, אלע טעג. וואס גייען מיר זאגן פאר'ן אייבערשטן? הייליגער באשעפער, ס'קען זיין מיר דאווענען נישט גענוג, מיר לערנען נישט גענוג, מיר וואלטן זיך געדארפט מער איבערשטרענגען. **אבער הייליגער באשעפער, די כוחות און דעם טאלאנט וואס דו האסט מיר געגעבן, דאס געב איך אוועק פאר דיר.**

דער אייבערשטער וויל זען אונזער הארץ, אונזער ליבשאפט, און אונזער מסירות נפש פאר אים. ווער נישט צובראכן, אפילו נישט אויף דיין רוחניות; ווער נישט צובראכן אויף גארנישט. דאס וויל דער אייבערשטער זען.

מיר דינען דעם אייבערשטן: אויב איך האב יא געלט, דין איך דעם אייבערשטן מיט געלט; אויב איך האב נישט קיין געלט, דין איך דעם אייבערשטן אן געלט. אויב איך האב א גוטן קאפ, דין איך דעם אייבערשטן מיט א גוטן קאפ; אויב איך האב נישט קיין גוטן קאפ, דין איך דעם אייבערשטן אן א גוטן קאפ. יעדער מענטש האט עפעס אין זיך וואס ער קען געבן פאר'ן באשעפער. איינער געבט אוועק דאס פייפן, איינער געבט אוועק דאס זינגען, און א צווייטער געבט אוועק דאס טאנצן. מיר אלע געבן זיך אוועק פאר אנדערע אידן, משמח צו זיין און אויפלעבן אידישע קינדער. הייליגע לעכטיגע קינדער, מיט תמימות און מיט אמת'דיגקייט זיך אוועקצוגעבן פאר'ן אייבערשטן, פאר די אידישע קינדער, פאר'ן בית המקדש, פאר ירושלים און פאר משיח — פאר דעם זכות, געב עס אוועק. דאס איז "ויקבלו כולם את עול מלכותך עליהם".

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'זאל פועל'ן כל מיני ישועות, אך טוב וחסד, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## די לעצטע דריי טעג פונעם יאר: אויסנוצן די ׳ימי חזקה׳ לטובה

א גוט מארגן, מיטוואך פרשת האזינו, כ״ז אלול תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג, און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן ״תמיד״.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער! ביז שנת תשפ״ז זענען פארבליבן נאך דריי טעג – א ״חזקה״. מיר קענען יעצט מאכן א חזקה אז מיר זענען געטרייע קינדער און געטרייע סאלדאטן צום הייליגן באשעפער, און מיט דעם מתקן זיין די גאנצע פארגאנגענע יאר און אונזער גאנץ לעבן ביז אהער, און עפענען א נייע בלעטל מיט׳ן אייבערשטן.

א בלעטל פון פנים מאירות, א בלעטל פון אמונה, שלום, בטחון און שמחה; א בלעטל פון ״אני שמח בחלק שלי״ (אשב״ש); א בלעטל פון מבטל זיין אונזערע רצונות צום רצון השם און מפרסם זיין כבוד שמים; א בלעטל פון לעבן מיט אמונה און שמחה אז ״אין עוד מלבדו״. קיינער אויף דער וועלט קען מיר גארנישט טון, קיינער טוט מיר גארנישט, און קיינער האט נישט קיין שום כח אויף דער וועלט – ס׳איז נאר דא אחד יחיד ומיוחד, היה הוה ויהיה, ה׳ אלקינו ה׳ אחד.

לאמיר אויסנוצן די דאזיגע דריי טעג, אבער נאר מיט פרייד, אן קיין כעס, אן קיין אנגעצויגנקייט און אן קיין פירוד לבבות; נאר מיט אהבה, אחוה, שלום ורעות, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו.

## די כוחות פון א אידישער סאלדאט: מעשה און קארלין

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען דערציילט אויפ׳ן הייליגן קארלינער אז איין יאר איז אויסגעפאלן דריי טעג יום טוב נאכאנאנד: ראש השנה איז געווען דאנערשטאג און פרייטאג, און תיכף דערנאך איז געווען שבת. א איד וואס איז נישט געווען קיין קארלינער חסיד און איז נאך קיינמאל נישט געווען דארט, האט זיך געפונען אינטערוועגנ׳ס און האט נישט געקענט אנקומען צו זיין רבי׳ן אויף יום טוב. היות ער איז געווען נאנט צו קארלין, איז ער אריינגעקומען דארט אויף יום טוב.

עס איז געווען פרייטאג נאכמיטאג, נאך די גרויסע עבודה פון דעם ערשטן און צווייטן טאג ראש השנה; דער עולם איז געווען גאר שטארק אויסגעמוטשעט און אויסגעמידעט. מענטשן האבן זיך אראפגעלייגט אויף די בענק אין בית המדרש אדער אויף דער ערד זיך אנצוכאפן אביסל כח לכבוד שבת קודש, און דער עולם האט אויסגעקוקט אינגאנצן אפגעשטרענגט.

אבער ווי נאר דער רבי איז אריינגעקומען און אנגעהויבן ״ידיד נפש״ פאר מנחה פון ערב שבת, האבן אלע א שפרינג געטאן, זיך געשטעלט אויף די פלעצער, און אנגעהויבן דאווענען מיט די באקאנטע קארלינער קולות מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה. יענער חסיד האט זיך נישט געקענט בארואיגן פון התפעלות זעענדיג אזעלכע כוחות.

מוצאי יום טוב האט ער זיך אויסגעדריקט אויף דער רוסישער שפראך: ״א מכה זאל ניקאליי האבן! אזא פאלק! א קרענק און א קדחת אויף ניקאליי! אויסהינגערן צוויי טויזנט סאלדאטן דריי טעג, און נאכדעם זאלן זיי אזוי גוט שיסן!״

דאס זענען הפלא׳דיגע ווערטער. לאמיר מסביר זיין וואס ער האט געמיינט: ער האט געזאגט אז ניקאליי, וואס מיינט אז ער האט די גרעסטע ארמיי אויף דער וועלט – אלע מכות זאלן גיין אויף זיין קאפ, ער האט עס נישט! דא זענען דא צוויי טויזנט סאלדאטן – דאס מיינט די אידישע קינדער, די חסידים אין קארלין – וואס מען האט דריי טעג אויסגעהונגערט, און צום סוף שיסן זיי מיט אזעלכע כוחות זיך צו שטעלן דאווענען מנחה פון ערב שבת, די ראש השנה׳דיגע מנחה און קבלת שבת, ער האט פשוט נישט געקענט קומען צו זיך.

דער זון פונעם ״בית אהרן״, דער דראביטשער, איז אריין צו זיין טאטן און אים דערציילט די ווערטער וואס דער חסיד האט געזאגט. דער הייליגער בית אהרן האט געהייסן מען זאל אים עס איבערזאגן נאכאמאל און נאכאמאל, און ער האט מסביר געווען אז דאס איז א געוואלדיגע סנגוריא און א מליצה טובה אויף אידישע קינדער.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס דארף מען חזר׳ן: די כוחות וואס א איד פארמאגט! ווען עס קומט צום הייליגן באשעפער, עקזיסטירט נישט קיין ״איך״, נישט קיין הונגער, נישט קיין מידקייט און נישט קיין אפגעמוטשעטקייט. מען שיסט! וואס שיסט מען? מען שיסט דעם ס״מ, מען שיסט עשו, און מען שיסט ישמעאל. וויאזוי? דורך דעם וואס מיר ווייזן אז ווען עס קומט צו עבודת השם און צו זיין א איד, האבן מיר כוחות עצומות, פיל שטערקער ווי די שטערקסטע סאלדאטן אין דער גאנצער וועלט.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער כח וואס א איד האט ארויסצוגעבן כדי צו לעבן א לעבן פון פנים מאירות, צו מוחל זיין, צו סובל זיין, צו האבן אהבת התורה, אהבת הבורא און אהבת ישראל, צו דאווענען, לערנען און זיך מתגבר זיין אויף אלע נסיונות – דאס איז מורא׳דיג. מיר האבן די כוחות, מיר דארפן זיי נאר נוצן, און מיר דארפן זיי נוצן שטענדיג. יעדן טאג ווען מען שטייט אויף צופרי, דארף מען אויפשטיין מיט׳ן כח פון א סאלדאט. **מיר זענען שטערקער ווי די סאלדאטן פון די מעכטיגסטע ארמייען אין דער וועלט**. דאס איז א געוואלדיגע מליץ יושר און א שטארקע חיזוק פאר אונז זיך צו קענען שטארקן און אנגיין ווייטער.

## בעטן א העכערונג אין געהאלט טראץ די פעלערן

עס איז באקאנט די מעשה וואס ר׳ יוסף טארטצינער, דער זון פונעם הייליגן חוזה פון לובלין, האט דערציילט.

איינמאל איז ער אריינגעקומען אין בית המדרש פאר תקיעת שופר און געזאגט פאר'ן עולם: "מוסר וועל איך נישט זאגן, תורה גיי איך נישט זאגן, איך גיי אייך נאר דערציילן א מעשה." אין א שטאט איז געווען א גביר, א חשוב'ער איד און א גרויסער תלמיד חכם, וואס זיין פרנסה איז געווען צו פארקויפן וויין. דער רב פון יענע שטאט איז געווען איינער פון די גדולי הדור. דער רב האט געוואלט מכבד זיין דעם גביר, איז ער געגאנגען יום טוב נאכמיטאג אים באזוכן. מיט דעם האט ער אים געוויזן חשיבות, ווייל דער גביר האט אויסגעהאלטן אסאך צדקה וחסד אין שטאט, און דער רב האט אים געוואלט וויזן הכרת הטוב. ווען דער גביר האט געזען אז דער רב איז געקומען אים באזוכן לכבוד יום טוב, איז ער געווארן זייער נתרגש און האט אנגעהויבן אריינברענגען דעם שענסטן כיבוד וואס ער האט פארמאגט. ער האט גערופן זיין משרת און אים געזאגט: "גיי אראפ אין קעלער און ברענג ארויף די בעסטע וויין וואס איך האב." ער האט אים געגעבן א סימן: "אין דער דריטער שורה זענען דא פינף פלעשער; ברענג ארויף וויין פונעם מיטעלסטן פלעשל. דאס איז אלטע וויין, א גאר גוטע וויין." ער האט אים אנגעזאגט ער זאל זיך איילן און שוין קומען, ווייל דער רב ווארט און ער וויל אים שוין מכבד זיין.

דערווייל האט מען ווייטער געשמועסט און מ'האט אריינגעברענגט נאך כיבוד, אבער דער משרת איז נישט אנגעקומען. מ'ווארט און מ'ווארט, אבער ער קומט נישט אן. דער גביר האט געזען אז ער קומט נישט, איז ער אראפגעגאנגען אין קעלער זען פארוואס דער משרת איז דארט שטעקן געבליבן. ער קומט אן אונטן אין קעלער, און ער שפירט א שטארקן גערוך פון וויין. ער גייט ווייטער און טרעפט דארט צובראכענע פלעשלעך און קריגלעך; עס גיסט זיך וויין אזוי ווי וואסער. ער האט גלייך פארשטאנען אז דער משרת האט דא אפגעווירטשאפט.

ער איז צוריק ארויפגעקומען איינגאנצן צובראכן און פארשעמט, און ער האט אנגעהויבן זוכן דעם משרת. ער רופט אים: "זרח, זרח, וואו ביסטו?" מ'גייט ארום און מ'זוכט אים, ביז ער טרעפט אים שיכור ווי לוט. ער ליגט אויפן אויוון נאכן זיך גוט אנטרינקען. אנשטאט ברענגען די וויין פארן רב, האט ער עס אליין אויסגעטרונקען און זיך אנגעשיכור'ט. ער האט דארט צעבראכן קריגלעך און פלעשער, און יעצט ליגט ער דארט אויפן אויוון שיכור'ערהייט.

דער בעל הבית פרעגט אים: "זרח, וואס טוסטו דא?" זאגט אים זרח דער משרת: "אה, זייער גוט אז דו ביסט געקומען, הער מיר אויס. איך האלט אז דו צאלסט מיר נישט גענוג. איך וויל אז פארן קומענדיגן יאר זאלסטו מיר צוליגן צו די באצאלן וואס דו גיבסט מיר יעדע וואך. דו ווייסט דאך אז איך האב א שטוב מיט קינדער און איך דארף אויסהאלטן א פאמיליע! איך קען נישט אנגיין מיט אזוי ווייניג געלט."

דער בעל הבית האט ממש רחמנות געהאט אויף אים. דא איז ער אנגעשיכור'ט, דא האט ער אנגעמאכט אזעלכע בזיונות און געלט שאדן, און די איינציגסטע דאגה וואס ער האט איז אז מ'דארף אים העכערן די וועכענטליכע געהאלט.

רבי יוסף האט מיט דעם געענדיגט די מעשה; ער האט גארנישט מער געזאגט און איז געגאנגען בלאזן שופר.

דער עולם האט עס פשוט אפגעלערנט אז דער נמשל איז, אז דער אויבערשטער גיבט פאר יעדן איינעם אלעס וואס ער דארף, אבער מיר זענען מקלקל, מיר צעברעכן, מיר גיסן אויס, און מיר שיכור'ן זיך אן נעבעך מיט די תאוות פון עולם הזה. און נאכדעם קומט ראש השנה און מען בעט א העכערונג אין די געהאלט. דער אייבערשטער זאל אונז טאקע געבן א גוט יאר מיט א כתיבה וחתימה טובה, מיט אלעם גוטן, בני חיי ומזוני רויחי, סיעתא דשמיא, עושר וכבוד, און אזוי ווייטער.

## די חכמה אינעם משל: 'לפנים משורת הדין' ביים באשעפער

מ'פארציילט אבער, אז ווען דער חידושי הרי"ם האט געהערט דעם משל, איז ער זייער נתפעל געווארן און געזאגט אז אין דעם משל ליגט א חכמה נפלאה.

דער הייליגער מונקאטשער רב, דער מנחת אלעזר, ער מסביר וואס איז די חכמה נפלאה וואס דער חידושי הרי"ם האט געזען אין דעם משל פון רבי יוסף טארצינער.

זאגט דער הייליגער מונקאטשער רב אזוי: די גמרא ברענגט אין מסכת בבא מציעא (דף פ"ג) אז רבה בר בר חנא האט געדינגען טרעגערס זיי זאלן אריבערטראגן א קריגל וויין, און זיי זענען געווען פושע בשליחותם; זיי האבן נישט גוט געהיטן דעם קריגל און עס האט זיך צובראכן. האט רבה בר בר חנא צוגענומען זייער העמד אלס באצאלונג. וויבאלד זיי האבן צובראכן דעם קריגל און אויסגעגאסן די וויין, זענען זיי אים שולדיג געווען געלט, האט ער צוגענומען זייער העמד. זענען די מענטשן געגאנגען צו רב און אים פארציילט אז רבה בר בר חנא האט זיי צוגענומען דאס העמד. האט רב געזאגט פאר רבה בר בר חנא: "גיב עס זיי צוריק." האט רבה בר בר חנא געפרעגט: "איז דאס מצד הדין? איז אזוי די הלכה?" האט רב געענטפערט: "יא, ווייל שלמה המלך זאגט אין משלי 'למען תלך בדרך טובים', וואס דאס מיינט אז מ'דארף גיין לפנים משורת הדין." האט ער עס טאקע צוריקגעגעבן.

שפעטער זענען די טרעגערס געקומען און געזאגט פאר רבה בר בר חנא: "מיר האבן נישט וואס צו עסן. מיר האבן היינט געארבעט פאר דיר און דו האסט אונז נישט באצאלט." איר הערט וואס דא טוט זיך? זיי האבן טאקע געארבעט פאר אים, אבער זיי האבן צעבראכן דעם קריגל און אויסגעגאסן די וויין; דאס העמד האבן זיי שוין צוריקבאקומען, און יעצט בעטן זיי נאך באצאלט פארן טאג ארבעט. האט רב געזאגט פאר רבה בר בר חנא: "יא, באצאל זיי." האט רבה בר בר חנא ווידער

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת ראש השנה כז לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

געפרעגט: "איז דאס מצד הדין? איז אזוי די הלכה?" האט רב געזאגט: "יא, ווייל עס שטייט ווייטער אין פסוק 'וארחות צדיקים תשמור'. א צדיק טוט לפנים משורת הדין. די אידן דארפן געלט, זיי האבן נישט קיין פרנסה, צאל זיי אויס."

זאגט דער הייליגער מונקאטשער רב: פון די גמרא זעט מען אז אפילו ווען די ארבעטער האבן צעבראכן די קריגל און אויסגעגאסן די וויין, האט רב געהאלטן אז מ'דארף זיי צוריקגעבן דאס העמד און נאך באצאלן פארן טאג אויך. אזוי דארף אן ערליכער איד זיך פירן, עס איז א גמרא מפורשת.

אין ירושלמי שטייט אז דער הייליגער באשעפער אליין איז מקיים די תורה. קומט דאך אויס אז אפילו מיר האבן מקלקל געווען און פארדארבן, מיר האבן צעבראכן די פלעשלעך און די קריגלעך און אויסגעגאסן די וויין, בעטן מיר נאך אלץ פונעם אויבערשטן אז ער זאל אונז באצאלן א שכר און רחמנות האבן אויף אונז.

דאס, זאגט דער מונקאטשער רב, איז געווען די גאונות און די חכמה פון דעם הייליגן רבי יוסף מעורר צו זיין רחמי שמים. ווייל אפילו דער פשוט'ער עולם האט עס נאר גענומען אלס א מוסר השכל, האבן דער הייליגער חידושי הרי"ם און דער מונקאטשער רב ארויסגעהאט אז דא ליגט א געוואלדיגע לימוד זכות.

יעצט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן אויך דא א געוואלדיגע לימוד זכות. מיר טראכטן אריין און זאגן פארן אויבערשטן: מיר האבן זיך טאקע נישט גוט אויפגעפירט, מיר האבן זיך פארזינדיגט, מיר האבן פוגם געווען און געטון זאכן וואס זענען נישט אויסגעהאלטן. מיר האבן נישט אינזין געהאט ביי יעדע זאך צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן. אבער הייליגער באשעפער, מיר קענען נישט אזוי אנהאלטן, מיר מוזן האבן בני חיי ומזוני רויחי, מיר דארפן האבן מחילה, סליחה וכפרה, ווייל מיר האלטן עס נישט אויס. און דער הייליגער באשעפער גיבט עס טאקע פאר אידישע קינדער, ווייל ער פירט זיך מיט אונז אזוי ווי מיר פירן זיך.

## אונזער עבודה: זיך פירן מיט אנדערע העכערן דעם דין

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? לאמיר אריינטראכטן וויאזוי עס זעט אויס אונזער "לפנים משורת הדין". וויאזוי מיר פירן זיך אויף צו אונזערע קינדער, צו אונזערע תלמידים און תלמידות, צו אונזערע חברים, שותפים, און צו אלע אידן מיט וועמען מיר האנדלען. לאמיר זיך אויך פירן מיט זיי לפנים משורת הדין. לאמיר זיין מוותר, אוועקגעבן פון זיך אליין – מיין כבוד, מיין געלט, מיין גוף, מיין פרעסטיזש און מיין חשיבות. לאמיר עס אוועקגעבן פאר אידישע קינדער, פארן אויבערשטן און פאר די תורה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אונזער עבודת הקודש אין די לעצטע דריי טעג פונעם יאר, אלס הכנה צו די ימי הרחמים ורצון און צום גרויסן יום הדין. מען דארף זיך אריינטראכטן: מיר בעטן פונעם אויבערשטן, אבער וואס געבן מיר פארן אויבערשטן? אבער אז מיר זאגן פארן אויבערשטן אז מיר בלייבן געטריי, מיר זענען זיינע עכטע ווארימע קינדער, מיר אנערקענען אז מיר זענען בני מלכים, קעניגליכע קינדער. מיר אנערקענען אז מיר זענען אויך סאלדאטן און קנעכט פונעם הייליגן באשעפער. מיר זענען ביידע בחינות, "אם כבנים אם כעבדים", און אין ביידע בחינות גייען מיר זיין מיט די גרעסטע געטריישאפט און מיט די גרעסטע שמחה. **מיר גייען זיך פירן לפנים משורת הדין ביים דאווענען, ביים לערנען, ביי מנהגים, ביי הלכה און מצוות עשה ולא תעשה, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיט דעם גייען מיר אנטקעגן דעם הייליגן ראש השנה.**

איי, ווערסטו פרעגן: וואו האבן מיר די כוחות? האסט געהערט די מעשה מיט די קארלינער חסידים, צוויי טויזנט אויסגעהונגערטע סאלדאטן אזוי צו שיסן? אונז האבן מיר די כוחות, אונז האבן מיר די מוחות, אונז האבן מיר די טאלאנטן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס ליגט ביי אונז אין די הענט; דער אייבערשטער האט עס אונז געגעבן, און מיר דארפן עס אויסנוצן אריינצוברענגען אן ערנסטקייט, א פרייליכקייט, א לעכטיגקייט, א תורה'דיגקייט. לעבן מיט'ן אייבערשטן, לעבן אין די תורה, לעבן אין תפילה, לעבן אין שירות ותשבחות פאר'ן הייליגן באשעפער;

דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר האבן געהאט אזעלכע צדיקים, כדי מיר זאלן קענען פארציילן אזעלכע מעשיות וואס זאלן אונז מעורר זיין און אויפוועקן, און אונז געבן די קוראזש און די כוחות זיך צו קענען שטארקן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, נאר זיך שטארקן, נאר גלייבן און פארשטיין, און אנערקענען **אז די וועלט איז גוט; דער אייבערשטער האט א גוטע וועלט, און דער אייבערשטער טוט נאר גוט**. מיר זענען זיך מבטל און מכניע צום רצון השם בשמחה רבה, ואמרו כולם אמן. פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, א גוטע כתיבה וחתימה טובה פאר אלע אידן, פאר יעדן איד בפרטי פרטיות. און דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל פועלן אלעס גוטס און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

## כיבוד אב ואם און דער רמז פון "רם" און "מר"

כיבוד אב ואם, צען מינוט, די פערציגסטע שיעור בסיעתא דשמיא.

אין א ספר וואו עס שטייט נישט דער נאמען פונעם בעל מחבר, שרייבט ער דארט א זייער שיינעם רמז: הלכות כיבוד אב ואם אין יורה דעה הייבט זיך אן אין סימן ר"מ. ער זאגט אז ר"מ איז א לשון פון "רם" – רם ונשא, דערהויבנקייט; און עס זענען אויך די זעלבע אותיות ווי "מר" – ביטער.

אויב מען איז מקיים כיבוד אב ואם כראוי, איז מען "רם ונשא" – מען ווערט דערהויבן, און מען דערהייבט די הייליגע תורה און כביכול דעם הייליגן באשעפער. אזוי ווי דער באשעפער שרייבט, אז ווען מען איז מכבד א טאטע און א מאמע, איז עס פונקט ווי מען איז מכבד דעם אייבערשטן אליין. אבער חלילה וחלילה, ווען מען איז נישט מקיים כיבוד אב ואם, איז עס "מר", עס איז ביטער.

רש"י הקדוש שרייבט דאך אז אין די תורה שטייט "למען יאריכון ימיך", און אויב חלילה מען איז עובר אויף כיבוד אב ואם – איך וויל נישט זאגן ווייטער וואס דאס מיינט. עס שטייט אין די תורה "למען ייטב לך", אז דער אייבערשטער זאגט אז בזכות כיבוד אב ואם וועט אונז גוט זיין; אויב מען איז חלילה עובר אויף דעם, וויל איך נישט אויספירן. ממילא דארף מען געדענקען דעם רמז: עס קען זיין "רם" און עס קען חלילה זיין "מר", און מיר וועלן אויס אז עס זאל זיין רם.

## די פארבינדונג צווישן כיבוד אב ואם און זכות אבות

עס שטייט אין ילקוט שמעוני אויף איכה, רמז תתרל"א, דארט ברענגט דער ילקוט א לאנגן שמועס וואס איז פארגעקומען ביים חורבן בית המקדש צווישן אסף, כלל ישראל, די אבות הקדושים און דעם הייליגן באשעפער. עס איז א זייער הארציגער און מעורר'דיגער שמועס כביכול.

צום סוף שטייט אזוי: דער הייליגער באשעפער זאגט: "איי, דו האסט זכות אבות? ניין, דו קענסט נישט נוצן דעם זכות אבות." פארוואס קען כלל ישראל נישט נוצן זכות אבות? ווייל איך האב געשריבן אין די תורה "כבד את אביך ואת אמך", אבער ביים חורבן בית המקדש איז געשען דאס וואס עס שטייט "אב ואם הקלו בך" – מען האט מזלזל געווען אין דעם ענין פון כיבוד אב ואם.

איר הערט וואס דא האט זיך אפגעטאן ביים חורבן? ווען די אבות הקדושים זענען געקומען זיך אויסוויינען פארן אייבערשטן פארוואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן און פארוואס אידישע קינדער זענען געגאנגען אין גלות, האט דער אייבערשטער געזאגט: זיי האבן נישט קיין זכות אבות, ווייל זיי זענען נישט מקיים כיבוד אב ואם.

דאס איז דער חילוק צווישן די גוים און די אידן: מיר האבן זכות אבות ווייל מיר האבן כיבוד אב ואם; א גוי האט נישט קיין כיבוד אב ואם, האט ער נישט קיין זכות אבות.

ווען מיר האבן געזען די ווערטער, האבן מיר זיך אריינגעטראכט: מיר זאגן דאך סליחות, מיר האלטן יעצט אין די ימי הסליחות, און כמעט אין יעדע שטיקל סליחות – אדער אמווייניגסטנס אין רוב דערפון – דערמאנט מען זכות אבות. מען דערמאנט דעם זכות פון אבותינו ורבותינו הקדושים. אבער א מענטש וואס איז נישט מקיים כיבוד אב ואם, זאגט דער אייבערשטער אליין – אזוי שטייט אין ילקוט שמעוני – "דו קענסט נישט דערמאנען זכות אבות! וואו האלטסטו מיט כיבוד אב ואם?"

**ווען מיר דאווענען יעצט אין די הייליגע טעג, שאצט מען אפ אויבן אין הימל יעדנס כיבוד אב ואם, צו זען צי זיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן.**

**דאס דארף אונז מעורר זיין, דאס דארף רעשן, דאס דארף מען מפרסם זיין!**

א איד דארף וויסן: ער וויל זיך אויסבעטן און אויסוויינען, ער וויל מחילה, סליחה וכפרה, ער וויל א גוט געבענטשט יאר, א יאר פון געזונט, פרנסה און נחת – זאגט דער אייבערשטער: "וואו איז דיין כיבוד אב ואם?"

## דער מצב פון קינדער וואס זענען מבזה די עלטערן רח"ל

אויב עס זענען דא קינדער וואס רעדן נישט צו די עלטערן, וואס זענען מבזה די עלטערן, זיי דערנידעריגן און פארשעמען זיי, זיי מאכן די עלטערן שפירן שלעכט און צוקלאפן זיי, זיי רופן נישט און פארציילן גארנישט, זיי קומען נישט און זענען נישט קיין חלק פון די משפחה, זיי זענען נישט באזארגט פאר די עלטערן און העלפן זיי נישט ארויס

שטעלט אייך פאר, עס זענען דא עלטערן וואס זארגן זיך: ווער וועט מיר העלפן גיין דאווענען ראש השנה און יום כיפור? ווער וועט קומען צו די סעודות? ווער וועט מיר בויען די סוכה? ווער וועט מיר העלפן מיט די ד' מינים? רחמנא ליצלן, אויב עס איז דא א טאטע אדער א מאמע אין די וועלט וואס האבן קינדער און דארפן האבן אזעלכע דאגות און זארגן, **איז עס דאך שוידערלעך!**

און דער הייליגער באשעפער זאגט: "וואס דאווענסטו? פארוואס ברענגסטו ארויף זכות אבות? וואס זאגסטו 'מי שענה לאבותינו'? וואס זאגסטו 'עננו' און 'וזכרתי' לך'? וואס זאגסטו די אלע זאכן?" דער אייבערשטער זאגט: "זאג עס נישט! דו האסט פארלוירן דאס רעכט דאס צו זאגן, ווייל דו ביסט נישט מקיים כיבוד אב ואם."

אבער מען קען נאך אלץ מתקן זיין אויב מען נעמט יעצט אויף זיך זיך אריינצולייגן מיט אלע חומרות און הידורים, מיט קאפ און מוח, מכבד צו זיין, חשוב צו האלטן, בארואיגן, באקוועם מאכן, דערהייבן און פרייליך מאכן אונזערע עלטערן. מיט דעם האבן מיר זכותים מיט וואס צו גיין דאווענען, דאן האבן מיר זכות אבות און דעם "למען ייטב לך והארכת ימים". דאן האבן מיר מיט וואס זיך צו שטעלן פארן באשעפער, ווייל דער אייבערשטער זאגט: "אה, דו ביסט מכבד דיין טאטע-מאמע? ביסטו דאך מכבד קודשא בריך הוא ושכינתיה!" ווייל כיבוד אב ואם און מורא אב ואם איז א שותפות מיט כבוד שמים, כביכול, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## די סגולה פון אריכות ימים

עס איז נעכטן אריבערגעקומען צו אונז א איד וואס האט חתונה געהאט בזיווג שני מיט א פרוי שוין מיט אסאך יארן צוריק. ער פארציילט מיר אז זיין ווייב האט א גרויסע משפחה פון קינדער, אייניקלעך און אפשר אפילו אור-אייניקלעך, אבער זי ווייסט גארנישט פון זיי. זי זעט נישט די קינדער און נישט די אייניקלעך, זי האט נישט קיין אנונג וואס טוט זיך מיט זיי. זי איז נישט געווען ביי זייערע חתונות און מען רופט איר נישט צו קיין שמחות. עס זענען דא איין אדער צוויי קינדער וואס האבן זיך מיישב געווען אז זיי ווילן האבן די מצוה פון כיבוד אב ואם און דעם "למען ייטב לך והארכת ימים", זיי ווילן מכבד זיין און מורא האבן פונעם הייליגן באשעפער, און זיי האבן זיך טאקע פארבינדן מיט איר נאך די חתונה. אבער אמווייניגסטנס זעט זי זיי, זי זעט זייערע קינדער און זי גייט צו זייערע שמחות.

און די הייליגע טעג טאר מען נישט מקטרג זיין אויף אידן,

אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אויב איר ווייסט אז עס איז דא א קינד אויף דער וועלט – נישט קיין חילוק ווי אלט ער איז – וואס גייט נישט צו די עלטערן, וואס רעדט נישט צו זיי, וואס האלט זיי נישט חשוב און זארגט נישט פאר זיי, בעט זיך ביי דעם איד: **אזויפיל יונגע מענטשן זענען אוועק פון דער וועלט אין יאר תשפ"ו, אזויפיל יונגע מענטשן ליגן נאך יעצט אין די שפיטעלער מיט נורא'דיגע יסורים און מחלות – דער באשעפער זאל העלפן זיי זאלן שוין אויסגעהיילט ווערן – עס פעלט אריכות ימים אויף דער וועלט! אין די תורה שטייט אז כיבוד אב ואם ברענגט אריכות ימים. עס זענען דא אזויפיל אידן וואס דארפן פרנסה און ערליכע קינדער, און אין די תורה שטייט "למען ייטב לך" ביי כיבוד אב ואם. בפרט ווען מיר לעבן אויף זכות אבות און מיר דארפן דעם זכות אבות, מוז מען זיך אויפשאקלען און זיך אויפוועקן.**

## די ארבעט פון "פנים מאירות"

מיר אלע אידן טארן עס נישט צולאזן, אז אזא מצב זאל זיין ביי אנדערע אידן. מיר מוזן זיכן עצות זיצן און טראכטן דערוועגן. ברוך השם, ברוך הוא וברוך שמו, מיר דא "פנים מאירות" אידן האבן צושפרייט דעם ענין פון פנים מאירות און די וויכטיגקייט פון כיבוד אב ואם. מען קען זאגן אז מיר האבן טאקע געגעבן די שיעורים אויף כיבוד אב ואם פאר אונזערע מענטשן, אבער זיינט די שיעורים פון "צען מינוט כיבוד אב ואם" זענען דא, האבן זיך צענדליגער משפחות איבערגעבעטן און שלום געמאכט – ברידער, שוועסטער און עלטערן. דאס אלעס א דאנק די מצוות פון כיבוד אב ואם, כיבוד אחיך הגדול, און מכבד זיין דעם טאטנס ווייב אדער דער מאמעס מאן וואו עס איז שייך. ברוך השם, מיר זענען זוכה מפרסם צו זיין כבוד שמים און ברענגען שלום אויף דער וועלט.

## די רפואה פאר אלע היינטיגע צרות און שוועריגקייטן

אבער עס איז נישט גענוג. מיר ווילן א יאר פון אריכות ימים, פון ערליכע און געזונטע קינדער, און פון פרנסה בריוח. מיר ווילן אז מענטשן זאלן נישט כאפן קיין נערוון-בראכעס און נישט דארפן צוקומען צו מעדיצינען. מיר ווילן א יאר וואס עס זאלן נישט זיין אזויפיל "פארשטאפטע קעפ" אין די חדרים און אין די מיידל-שולעס; אז מען זאל נישט דארפן ארויסנעמען אזויפיל קינדער צו לערנען מיט זיי פריוואט, און מען זאל נישט דארפן לייגן אזויפיל קינדער אויף רעצעפטן. מיר האבן די סגולה, מיר האבן די רפואה, און מיר האבן די ישועה: כיבוד אב ואם! לאמיר נתעורר ווערן און מעורר זיין אנדערע, לאמיר איינרייסן ביי אידישע קינדער און בעטן ביי יעדן: לאמיר נעמען די מצוה פון כיבוד אב ואם, און מיט דעם צוברעכן דעם כח פון עשו און פועלן די גאולה שלימה.

## אמונה אין באשעפער גייט צוזאמען מיט כיבוד אב ואם

אויף די לוחות זענען ארויפגעשריבן צען מצוות, צען ציווים, צעטיילט פינף און פינף. קעגן "אנכי ה' אלקיך" שטייט אויף דער אנדערער זייט קעגנאיבער "כבד את אביך ואת אמך". דער הייליגער באשעפער זאגט: אויב דו ווילסט אנערקענען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט – "אנכי" און "לא יהיה לך" – אז עס איז נאר דא איין באשעפער, "אין עוד מלבדו" און עס איז נישטא קיין שום אנדערע כח בעולם, איז דאס נאר שייך אויב דו ביסט מכבד דיין טאטן און דיין מאמען. דער אייבערשטער זאגט: אויב דו גלייבסט אין "אנכי ה' אלקיך", מוזטו גלייבן אין "כבד את אביך ואת אמך". אויב דו היטסט נישט כבד את אביך ואת אמך, איז עס חלילה אזוי ווי דו גלייבסט נישט אין אנכי ה' אלקיך.

**דער מדרש זאגט אין פרשת וישלח (מדרש רבה), אז "זכות אבות" העלפט נאר ווען מען גייט אין די וועגן פון די אבות. די וועגן פון די אבות מיינט אז מען האט געהיטן די תורה מיט מסירות נפש.** די אלע מענטשן וואס זוכן זיך היתרים, געדרייטע היתרים און אפשר פאלשע היתרים, כדי נישט צו דארפן מקיים זיין כיבוד אב ואם – זוכט מען אין הימל אויך היתרים זיי נישט צו דארפן געבן א גוט יאר און נישט אויסצוהערן זייערע תפילות. עס טוט זיך אפ אין הימל די זעלבע זאך, חלילה וחלילה, חס ושלום. מיר דארפן זיך שטארקן אין כיבוד אב ואם, וואס אויף דעם שטייט "למען ייטב לך והארכת ימים". דאס איז די גרעסטע סגולה פאר די הייליגע טעג, מזכה צו זיין זיך אליין און מזכה צו זיין גאנץ כלל ישראל.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת נצבים וילך כא לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוטן מארגן, דאנערשטאג פרשת נצבים-וילך, כ״א אלול תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוטן מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג און א פרייליכן געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע אידישע קינדער.

ברוך הוי׳ ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו. מיר דאנקען און לויבן דעם באשעפער פון אויבן פאר אלע חסדים גלויים וואס מיר האבן. דער הייליגער באשעפער באגליקט אונז אזוי שטארק, ברוך ה׳ אז מיר האבן די זכיה נאכאמאל צו זאגן א שיעור ״ס׳איז גוט״, פנים מאירות, א לעכטיגן גוטן מארגן.

## קרוב צו די דריי טויזנט שיעורי גוט מארגן

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האלטן שוין קרוב צו דריי טויזנט מאל וואס מיר האבן געזאגט א ״גוטן מארגן״ שיעור. ברוך הוי׳ ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו. דער הייליגער באשעפער העלפט אז טויזנטער אידישע קינדער זענען זיך מחזק אינאיינעם, מיר באגריסן זיך און ארבעטן אינאיינעם. דאס האט דאך א געוואלדיגן כח און א זכות הרבים, און ס׳איז א געוואלדיגער פרסום כבוד שמים.

## די מעשה פונעם עסקן און דער יסוד אז אלעס איז גוט

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט האבן די מערכת באקומען א רוף פון איינעם פון די עסקנים וואס פארשפרייטן ״פנים מאירות״ און שאפן געלט פארן מוסד. ער האט דערציילט אז ער האט אנגערופן א איד בעטן א נדבה פאר פנים מאירות, האט יענער געזאגט: ״פנים מאירות? איך וויל אים צורייסן! איך וויל אים אפברעכן די ביינער! איך בין אזוי ברוגז אויף אים, איך האלט עס נישט אויס. ווען איך טרעף אים, וואלט איך אים ממש צוריסן.״ האט אים דער עסקן געפרעגט: ״וואס ביסטו אזוי ברוגז? וואס איז געשען? וואס האט ער דיר שלעכטס געטון?״

האט ער געענטפערט: ״וואו איז ער געווען מיט דרייסיג יאר צוריק? פארוואס האט מען זיך געדארפט אזוי מוטשענען דרייסיג יאר?״ ער האט עס געזאגט אלס א מילתא דבדיחותא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פארוואס זאלן מיר הערן פון מענטשן אז זיי זענען פרייליך, ברוך השם, אבער זיי האבן חרטה אויפן עבר אז זיי האבן דאס נישט געהאט? בעצם טאר מען נישט חרטה האבן, ווייל מיר חזר׳ן דא אין ״פנים מאירות״ אז עבר איז אמונה. אזוי האט דער אייבערשטער געוואלט, און דעמאלטס איז עס נאך נישט געווען באשערט. **אבער יעדער איד קען דאך האבן א געוואלדיגע זכיה צו זיין א מפיץ, מפרסם צו זיין די שיעורי פנים מאירות און עס אריינברענגען אין די וועלט, מזכה זיין אנדערע אידן אז מען זאל מיט לעבן דעם ״ס׳איז גוט״. ס׳איז געווען גוט, און ס׳וועט זיין גוט.** מען לעבט מיטן אייבערשטן, מען זעט חסדים גלויים, נאר חסדים און נאר גוטס. דער אייבערשטער איז נאר גוט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער אייבערשטער איז נאר גוט.

## ברוך ה׳ יום יום

עס מאכט זיך אמאל א מענטש זאגט: ״דער היינטיגער טאג, די היינטיגע וואך, אוי, אלעס גייט כאדארם, אלעס גייט מיט די פיטום אראפ.״ וואס איז? דא האט ער חובות, דא האט מען אים פארשעמט, דא פירט זיך איינס פון די קינדער נישט אויס ווי עס דארף צו זיין אדער רעדט נישט צו אים. ער גייט אדורך זאכן וואס לויט א גשמיות׳דיגן און חומריות׳דיגן וועג פון טראכטן, זעט עס אויס ווי דאס זענען חס ושלום יסורים. **אבער הייליגע לעכטיגע קינדער, עס איז נישטא אזא טאג, עס עקזיסטירט נישט אזא טאג! יעדער טאג איז א ״ברוך ה׳ יום יום״, יעדן טאג איז א ״זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו״. איר ווייסט פארוואס? ווייל איך גלייב מיט מיין גאנצן גלויבן און מיט מיין גאנצן הארץ, אז דאס איז פאר מיר נאר גוט. דער אייבערשטער טוט נאר גוט, און נאר דער אייבערשטער טוט עס; קיינער קען מיר גארנישט טון. טאטע, איך דאנק דיך! טאטע, איך לויב דיך! אלעס איז אזוי גוט. אוי, טאטע, איך דאנק דיך, טאטע, איך לויב דיך, אלעס איז אזוי גוט.**

## פונעם הייליגן מיטעלער בעלזער רב אויף תשובה בשמחה

הערט א מורא׳דיג ווארט פונעם הייליגן מיטעלער בעלזער רב, דער צדיק קדוש וטהור רבי יהושע מבעלזא זכותו יגן עלינו. ער זאגט אזוי: עס שטייט די וואך אין די פרשה, דער הייליגער באשעפער זאגט אונז: ״כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום, לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא״ – עס איז נישט פארהוילן און נישט ווייט פון דיר, נאר עס איז ״בפיך ובלבבך לעשותה״.

דער מדרש פרעגט אויף דעם פסוק: אדם מישראל וואס וויל עוסק זיין בתורה, כיצד מברך? וואס פאר א ברכה מאכט מען? אויף דעם ענטפערט דער מדרש, אז מען מאכט א ברכה פארן לערנען און א ברכה נאכן לערנען, און דער מדרש איז מאריך פון וואו מען לערנט עס ארויס.

פרעגט אויף דעם דער הייליגער בעלזער רב: די שאלה איז געווען ״וואסערע ברכה מאכט מען״ (וואס איז דער נוסח), און דער מדרש ענטפערט נאר אז מען מאכט א ברכה פארדעם און נאכדעם. דאס איז דאך נישט קיין תשובה אויף די שאלה?

זאגט דער הייליגער בעלזער רב אזוי: עס שטייט אין ״ראשית חכמה״ בשם דער רמב״ן, אז דער פסוק ״כי המצוה הזאת״ גייט ארויף אויף די מצוה פון תשובה.

אידישע קינדער זאלן וויסן, אז אפילו ווען זיי זענען צווישן די גוים, צושפרייט אין די פיר עקן וועלט אין די ביטערע שווערע גלות׳ן, וועלן זיי קיינמאל נישט האבן א שוועריגקייט צו טון תשובה. די תורה הקדושה זאגט ״לא רחוקה היא ולא נפלאת היא״ – תשובה איז נישט ווייט און נישט פארהוילן; וואו דו ביסט, ווען דו ביסט און וויאזוי דו ביסט, בכל עת ובכל מקום, מען קען שטענדיג תשובה טון.

אבער מען דארף געדענקען עס צו טון בשמחה, ווייל א מצוה דארף מען טון מיט פרייד. פרעגט דער בעלזער רב: אויב דער עיקר תשובה איז אז א מענטש זאל זיין צעבראכן און קלאגן אויף זיינע חטאים, וויאזוי קען מען זיין בשמחה בשעת מען טוט תשובה?

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת נצבים וילך כא לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

זאגט דער הייליגער בעלזער רב א מורא'דיגע טיפע תשובה: ווען א מענטש טראכט אריין וואס תשובה איז – אז נאכדעם וואס דו וועסט תשובה טון, וועסטו אויסגעהיילט ווערן פון אלע ווייטאגן, דו וועסט אויסגעלייטערט ווערן און ווערן הייליג און ריין, און דו וועסט קענען בעסער דינען דעם אייבערשטן, לערנען און דאווענען – דאס איז עס וואס מאכט אונז פרייליך בשעת'ן טון תשובה. **ווייל בשעת מען טוט תשובה טראכט מען אויף די תוצאות, אז אלע ווייטאגן גייען אוועקגיין און מען וועט קענען דינען דעם באשעפער מיט רואיגקייט. דאס ברענגט די שמחה.**

מיט דעם טייטשט ער פשט אין מדרש: דער מדרש פרעגט, ווען א מענטש לערנט די פרשה פון תשובה, וויאזוי קען ער מאכן א ברכה בשמחה? תשובה דארף דאך זיין מיט א צעבראכן הארץ. אויף דעם ענטפערט דער מדרש: ער מאכט א "פאר-ברכה". פון וואו לערנט מען ארויס דעם ענין פון א פאר-ברכה? פונעם פסוק "בָּרוּךְ אַתָּה ה' לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ". קודם זאגט מען "בָּרוּךְ אַתָּה ה'" און נאכדעם "לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ". "בָּרוּךְ", זאגט דער בעלזער רב, איז א לשון הווה (יעצט), און "לַמְּדֵנִי" איז א לשון להבא (אויף שפעטער). זאגט די תורה: וויאזוי קען מען דאנקען דעם אייבערשטן בשמחה ווען מען טוט תשובה? דער תירוץ איז, אז ווען דו טראכסט "לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ" – אז דאס גייט ברענגען אז דו זאלסט זוכה זיין צו לערנען און היטן די תורה – דאס אליין מאכט דיך שוין פרייליך, און ממילא קענסטו מאכן א ברכה מיט שמחה.

אבער נאכדעם קען א מאל א מענטש מאכן א חשבון: ער האט געמאכט די ברכה, ער האט תשובה געטון, אבער ער זעט נישט קיין הצלחה; ער פאלט ווייטער אדורך, קען ער דאך ווייטער צובראכן ווערן. זאגט דער מדרש ווייטער: פון וואו ווייס איך אז מען מאכט א ברכה נאכ'ן לייענען? דאס טייטשט, אפילו איך האב שוין תשובה געטון, אבער איך פאל נאך אלץ אדורך, וויאזוי קען איך יעצט זיין בשמחה? אויף דעם זאגט ער, אז משה רבינו, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט משנה תורה, האט ער געענדיגט מיט "וזאת הברכה". א איד דארף וויסן, אז דאס אליין וואס ער זוכט צו טון דעם רצון השם, דאס אליין וואס ער וויל זיך מקרב זיין צום אייבערשטן – "וזאת הברכה" – דאס אליין איז שוין א ברכה, און דאס דארף שוין משמח זיין א מענטש.

## די מעלה פון 'תאוות ענוים' און דער ווילן צו דאווענען גוט

אגב, לייגט דער בעלזער רב צו, אז עס שטייט אין מדרש אז עס איז א גוטער סימן אויב די תפילה איז א גוטע תפילה, אויב מען האט געקענט דאווענען מיט כוונה.

אויף דעם זאגט דער בעלזער רב אזוי: יעדער איינער וויל דאווענען צום אייבערשטן מיט זיין גאנצן הארץ און מיט זיין גאנצער נפש. ער וויל זיך ממש אוועקגעבן צו דאווענען פאר'ן אייבערשטן מיט אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים, במחשבה דיבור ומעשה.

אבער עס געלונגט נישט שטענדיג. אמאל שטרענגט זיך א מענטש אן, אבער ער האט נאך אלץ נישט געקענט אינזין האבן ביים דאווענען און ער פאלט אדורך.

זאגט דער בעלזער רב די ווערטער: זאלסטו וויסן, דאס איז אויך ביד ה', עס איז נישט בעצם אין דיינע הענט. מען דארף דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען דאווענען, און דאס אליין ווערט שוין אנגענומען ביים אייבערשטן לרצון.

ער טייטשט מיט דעם: "תאוות ענוים שמעת ה'" – די תאוה פון ערליכע אידן, וואס איז זייער תאוה? אז זיי ווילן קענען דאווענען. דאס הערט שוין דער אייבערשטער אויס, און דער אייבערשטער העלפט אונז און פארשרייבט אונז א לעכטיג יאר.

## אמונה און בטחון אין טאג-טעגליכן לעבן

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, צוויי יסודות האבן מיר דא ארויסגענומען פונעם הייליגן בעלזער רב'ס תורות.

די ערשטע זאך, לאמיר זיך אריינטראכטן: די תורה הקדושה זאגט אז ווען מען הייבט אן תשובה צו טון, קען מען ווערן צובראכן און צוקלאפט. אבער דאס איז נאר ווען דו טראכסט פון דעם יעצט; אויב דו טראכסט פונעם עתיד און פון די תוצאה פון די תשובה, וועט דיך דאס משמח זיין.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ער זאגט אויך אז אפילו ווען א מענטש טוט אלעס אין די וועלט צו קענען דאווענען, דארף מען האבן סייעתא דשמיא, ווייל עס איז א מתנה פונעם אייבערשטן. מען דארף דאווענען צום אייבערשטן, אבער מען דארף זיך מחזק זיין אז דער אייבערשטער זעט אז דו ווילסט און אז דו האסט א תאוה צו דעם, און דאס איז שוין גענוג.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ביידע זאכן דארף מען נוצן אויף אמונה און בטחון, אויף "אשב"ש אמונה שלם בטחון ושמחה". דהיינו, א מענטש דארף וויסן אז **יסורים זענען זייער שווער, אבער ווען מיר טראכטן פון דעם תכלית פון די יסורים – די כפרת עוונות, דאס אור און די לעכטיגקייט וואס מיר גייען נאכדעם האבן ווען מיר זענען דאס מקבל באהבה, ווען מען זאגט "ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאתי" – די שמחת החיים וואס דער אייבערשטער גיט אונז ווען מיר זענען מקבל זיינע גזירות און אלעס פונעם אייבערשטן בשמחה, ווען דו קוקסט אויפ'ן עתיד, מאכט עס אונז פרייליך**.

חלילה וחלילה ווען א מענטש דארף דורכגיין אן אפעראציע, אויב ער טראכט וואס די אפעראציע גייט ארויסברענגען – אז ער גייט קענען לעבן נאך הונדערט יאר – איז די אפעראציע אליין אים משמח.

און פון די אנדערע זייט, אפילו מען ארבעט אויף פנים מאירות, אויף "אשב"ש אמונה שלם בטחון ושמחה", "אני שמח בחלק שלי", אויף דביקות הבורא, און מען מוטשעט זיך און מען זעט אסאך מאל אז מען איז נישט געווען מצליח, דארף מען וויסן אז דער אייבערשטער האט ליב די תאוה וואס דו האסט מצליח צו זיין. דער אייבערשטער האט ליב די תאוה, "תאוות ענוים", אז מיר ווילן זיין גוט, מיר ווילן זיך מחזק זיין, און מיר ווילן לעבן מיט די תורה מיט אמונה פשוטה.

**הייליגע לעכטיגע קינדער**, אזוי גייען מיר צו צו די הייליגע טעג, סיי מיט אונזערע תפילות און כוונות התפילה, און סיי מיט אונזער אמונה

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת נצבים וילך כא לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

און בטחון אנצונעמען און מקבל צו זיין באהבה יעדע שוועריגקייט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א "פנים מאירות" איד איז היינט דורכגעגאנגען גרויסע בזיונות ברבים ובפרהסיא, און ער זאגט אז ער מוז נישט מפרסם זיין דוקא עפעס א מופת. די גרעסטע מופת איז שוין געשען: אז ער איז געווען מן הנעלבים ואינם עולבים, ער איז אפילו נישט רויט אדער בלאס געווארן, ער האט צו קיינעם נישט גערעדט דערפון, און עס איז אדורך כאילו לא היה. דאס איז די גרעסטע מופת, און דער אייבערשטער וועט העלפן אז דאס וועט ברענגען כפרת עוונות, ישועות, און עס וועט עפענען צינורות פון השפעות. אמן, הלוואי.

דער עיקר חסד און די עיקר רחמים וואס מען האט געזען בגלוי איז דאס אז מען האט די כוחות נישט צו ווערן רויט אדער ווייס, נישט צו ווערן צוקלאפט און נישט צו רעדן דערפון. עס איז נישט קיין "מעשה שהיה", נאר א "מעשה שלא היה" – עס איז קיינמאל גארנישט געווען. מיט אזא גראדקייט און גלייכגילטיגקייט דארפן מיר אננעמען אונזערע שוועריגקייטן; עס עקזיסטירט אפילו נישט, ווייל מיר לעבן און עס איז גוט, עס איז געווען גוט, און עס וועט זיין גוט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## מעשה פון רבי יונתן אייבשיץ: מיר זענען בנים לה'

מען האט דערציילט אז ר' צבי קינסטליכער, דער רב פון סעבע. פאר די מלחמה עס איז שוין נעבעך געווען צרות, און עס האבן זיך כסדר געמאכט קופקעס פון מענטשן אין בית המדרש. יעדער האט געזאגט וואס עס טוט זיך אויפן פראנט און וואו די מלחמה האלט. על כל פנים, אנשטאט מען זאל זיין מער עוסק אין דאווענען און לערנען, האט מען זיך כסדר פארזאמלט אין קופקעס. האט רבי צבי קינסטליכער דערציילט פאר די אידן אזא מעשה.

היינט כא אלול איז די יארצייט פונעם רבן של כל בני הגולה, רבינו הגאון והקדוש רבי יונתן בן רבי נתן נטע אייבשיץ, דער "יערות דבש" פון פראג, זכר צדיק וקדוש לברכה, זכותו יגן עלינו, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אלע אידן.

ער האט דערציילט אזוי: איינמאל האט דער גלח פון שטאט געפרעגט רבי יונתן אייבשיץ, וואס איז דער פשט אז להבדיל די גויים, ווען זיי גייען צו זייערע תפילות רחמנא ליצלן, שטייען זיי גראד מיט א געוואלדיגע חשיבות? זיי רעדן נישט, און מען זעט אז זיי זענען בכלל נישט עוסק אין ענינים פון בין אדם לחבירו. זיי קומען אריין דארט צו זייערע געטשקעס רחמנא ליצלן, און זיי זענען שטארק מחשיב דעם מקום; זיי שטייען מיט א געוואלדיגע יראת הכבוד, כביכול. אבער אידן ווען זיי קומען אין בית המדרש, מען רעדט, מען דרייט זיך, מען פרייט זיך – אזוי דארף אויסקוקן די כבוד פונעם באשעפער'ס הויז?

האט דער הייליגער רבי יונתן אייבשיץ געענטפערט מיט זיין הייליגער חכמה: "ענק גויים, ווען איר קומט דאווענען, קומט איר ווי קנעכט צום קייזער, כעבד לפני המלך. אזוי ווי איר שטייט, אזוי שטייט אן עבד. איר זענט עבדים, און אזוי שטייען עבדים.

**אבער מיר קומען אריין אין בית המדרש ווי קינדער – 'בנים אתם לה' אלקיכם'. מיר שטייען אין בית המדרש אזוי ווי קינדער שטייען פאר זייער טאטע און מאמע. ממילא, ווען מיר קומען אריין אין בית המדרש, קומען מיר אריין אין טאטנ'ס שטוב, און אזוי שטייען מיר און אזוי פירן מיר זיך אויף אין בית המדרש.**"

האט דער סעבאנער רב געזאגט, אז דאס האט ער געזאגט כדי צו זיין א מלמד זכות אויף אידן און א מליץ יושר פאר אידן. אבער מיר דארפן טאקע אריינטראכטן: אין פסוק שטייט "בנים אתם לה' אלקיכם", און דאך זאגט די תורה "לא תתגודדו" – מאכט נישט קיין קופקעס. חז"ל זאגן אז "לא תתגודדו" מיינט "לא תעשו אגודות אגודות", איר זאלט זיך נישט צעטיילן אין באזונדערע גרופעס.

## דער בן מלך אויף די שיף און די קשר צו אונזערע שוועריגקייטן

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, די ווערטער געבן אונז א געוואלדיגע חיזוק. מיר זאגן אויך "מלך", מיר שרייען אויס ראש השנה און יום כיפור "המלך", אבער מיר שפירן זיך ווי בנים למקום – קעניגליכע קינדער, רייכע קינדער.

שטעלט אייך פאר א בן מלך וואס געפינט זיך אויף א שיף אינמיטן וואסער; ער הונגערט און האט נישט וואס צו עסן, ער האט נישט קיין פאסיגע קליידונג, עס איז אים קאלט און ער האט נישט קיין מאנטל, ער איז נאס און האט נישט קיין וועש צו טוישן. צי ווערט ער צעבראכן? צי פאלט ער אריין אין עצבות אדער מרה שחורה? ניין! ער טראכט ביי זיך: "באלד קומען מיר שוין אן צום פאלאץ, כלום חסר מבית המלך? פעלט דען עפעס אין דעם קעניגס הויז? אלעס איז דארט פארהאן, עס איז בלויז א צייטווייליגער דורכגאנג." דעריבער ווערט ער נישט צעבראכן.

א צווייטער מענטש, וואס איז נישט קיין בן מלך, ווערט יא צעבראכן ווען ער געפינט זיך אויף יענעם שיף. איר ווייסט פארוואס? ווייל ער טראכט ביי זיך: "דאס איז געווען נעכטן, דאס איז היינט, און דאס וועט זיין מארגן – דאס איז מיין גורל." ממילא ווערט ער צעבראכן.

דער הייליגער רבי יונתן אייבשיץ זאגט אונז: ניין, מיר דארפן שטענדיג געדענקען אז מיר זענען קינדער, "בנים אתם לה' אלקיכם". מיר האבן א טאטע אין הימל, א טאטע וואס איז דא מיט אונז, ווי עס שטייט "בכל צרתם לו צר לא צר". דער אייבערשטער געפינט זיך מיט אונז איבעראל, דעריבער איז נישטא קיין עכטע ענגשאפט, עס איז בלויז אן איבערגאנג.

מיר פארמאגן אוצרות, ווייל דער אייבערשטער זאגט "לי הכסף ולי הזהב נאם ה'". דער אייבערשטער זאגט "לית אתר פנוי מיניה" און "אין עוד מלבדו". דער באשעפער איז דא, און אלעס איז נאר אן איבערגאנג. מיר לעבן נישט אין יאוש מיט א געפיל פון "דאס איז מיין גורל", נאר ווי קינדער ביי א טאטן אין שטוב, וואס לעבן פרייליך און רואיג.

אבער טאקע, מען דארף מאכן אינעם בית המדרש א "וגילו ברעדה". אין בית המדרש רעדט מען נישט, מען פארברענגט נישט, און מען איז נישט עוסק אין גשמיות.

א בית המדרש, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איז א יחוד-שטוב. מיר זענען זיך מייחד מיט'ן הקדוש ברוך הוא, אבער עס איז א יחוד-שטוב פון

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ה פרשת נצבים וילך כא לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א טאטע מיט א קינד – א פרייליכע און לעכטיגע אחדות, בחינת "עוז וחדוה במקומו".

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זענט איר געווארן מחזק פונעם היינטיגן "גוט מארגן"? מיר האפן אז יא. אפילו מיר, בשעת'ן זאגן די ווערטער, זענען געווארן מחזק. עס גיט אונז כח און מוח צו גיין ווייטער מיט'ן טאג בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבת קודש פרשת נצבים וילך כב לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, פרייטאג ערב שבת קודש פרשת נצבים-וילך, כ״ב אלול תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן ערב שבת קודש; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן שבת קודש; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

## די מעשה פונעם הייליגן סופר ר׳ דוד אניפאלער

הייליגע, פרייליכע און לעכטיגע אידישע קינדער! איינער האט אונז אנגעוויזן אויף א זייער שיינע מעשה וואס דער מאנאסטרישטשער רבי האט דערציילט. ער האט דערציילט אזוי: אין די שטאט אניפאלי האט געוואוינט ר׳ דוד סופר, וועמען מ׳לעגט רופן ר׳ דוד אניפאלער. ער איז געווען א סופר אין די צייטן פון די תלמידי בעש״ט און ער אליין איז געווען א תלמיד פונעם בעש״ט הקדוש, ער איז געווען אן איש קדוש.

אמאל איז געווען א סוחר וואס איז געפארן פון קוריץ קיין אניפאלי. האט אים דער הייליגער ר׳ פנחס׳ל קאריצער געבעטן: ״אז דו פארסט קיין אניפאלי, בעט דארט פון ר׳ דוד סופר ער זאל שרייבן פאר מיר א פאר תפילין.״ ר׳ פנחס׳ל האט געוואלט האבן זיינע פרשיות, און ער האט מיטגעגעבן פארן סוחר א סכום געלט צו באצאלן פאר ר׳ דודן.

דער חסיד איז אנגעקומען אהין און האט ביי זיך געטראכט: ער איז דאך א סוחר, און אז דער רבי וויל באשטעלן ביי דעם סופר פרשיות, איז דאך א סימן אז ר׳ פנחס׳ל קאריצער ווייסט און זעט אויף אים אז ער איז אן אדם גדול. האט ער באשלאסן אז ער וויל אויך באשטעלן און האבן זיינע הייליגע תפילין. ער האט געזאגט פארן סופר אז ער איז גרייט צו באצאלן פונקטליך וויפיל דער רבי האט באצאלט, אבי ער זאל אים אויך שרייבן פרשיות.

נאך צוויי טעג האט דער סופר געזאגט פארן סוחר: ״דיינע פרשיות זענען שוין געשריבן און גרייט, אבער פארן רביין, ר׳ פנחס׳ל קאריצער, איז עס נאכנישט גרייט; דו וועסט דארפן ווארטן נאך א פאר טעג.״ נאך א פאר טעג פרעגט ער ווידער: ״איז עס שוין גרייט?״ זאגט ער: ״נאכנישט.״ אזוי איז אריבער א וואך, און ענדליך נאך א וואך איז עס געווארן גרייט און ער האט עס געקענט אפנעמען אהיימצוברענגען פאר ר׳ פנחס׳ל קאריצער.

דער סוחר האט ביי זיך געטראכט אז דאס דארף א ביאור: ער האט דאך געצאלט די זעלבע פרייז ווי דער רבי, טא וואס איז דער חילוק? זיינע תפילין האט ער אפגעשריבן אין צוויי טעג, און פארן הייליגן ר׳ פנחס׳ל קאריצער האט עס גענומען איבער א וואך. ער האט באשלאסן צו טון א שטיקל: ער וועט נעמען די תפילין וואס זענען געשריבן געווארן פארן רביין פאר זיך, און פארן רביין וועט ער געבן די תפילין וואס זענען געווען פארטיג נאך צוויי טעג.

ער איז אריינגעקומען צום הייליגן ר׳ פנחס׳ל קאריצער און אים איבערגעגעבן די תפילין. האט ר׳ פנחס׳ל געפרעגט: ״דאס האט מען געשריבן פאר מיר? ביסטו זיכער אז פאר מיר האט מען געשריבן די דאזיגע תפילין?״ דער סוחר האט געזען אז דער רבי האט רוח הקודש, האט ער מודה געווען: ״רבי, ניין,״ און ער האט עס אויפגעטוישט. ער האט איבערגעגעבן פאר ר׳ פנחס׳ל קאריצער טאקע די תפילין וואס ר׳ דוד אניפאלער האט געשריבן ספעציעל פאר אים.

נאכן צוריקגעבן האט ער געבעטן ר׳ פנחס׳ל קאריצער ער זאל אים מסביר זיין וואס דער חילוק איז צווישן די צוויי פאר תפילין. האט אים ר׳ פנחס׳ל קאריצער געזאגט אזוי: ״דו דארפסט גארנישט מורא האבן, ר׳ דוד׳ל איז א צדיק; מיט די זעלבע כוחות, כוונות און יחודים וואס ער האט געשריבן פאר מיר, האט ער עס געשריבן פאר דיר אויך. נו, וואס דען איז דער חילוק? זאג מיר נאר, וואסערע וועטער איז געווען ווען דו ביסט געווען דארט אין אניפאלי?״ האט ער געענטפערט: ״די ערשטע פאר טעג האט גערעגנט, און שפעטער, סוף וואך, האט אויפגעהערט רעגענען און די זון איז ארויסגעקומען.״

**האט ר׳ פנחס׳ל קאריצער געזאגט: ״ר׳ דוד׳ל אניפאלער ווייסט אז ביי מיר איז דער יסוד און מקור עבודת ה׳ בשמחה. איך קען נישט ליידן אפילו א כל שהוא פון עצבות אדער מרה שחורה. אין א רעגנדיגן טאג האט ער נישט געקענט שרייבן קיין פרשיות פאר מיר, ווייל אין א רעגנדיגן טאג זענען מענטשן אומעטיג. ער האט נישט געוואלט איך זאל האבן תפילין וואס א סופר האט געשריבן אין א טאג וואס מ׳איז אומעטיג. ממילא האט ער געמוזט ווארטן ביז די זון איז ארויסגעקומען, כדי ער זאל קענען שרייבן די תפילין פאר מיר מיט אן אמת׳ע שמחה.״**

## די געוואלדיגע השפעה פון טון יעדע פעולה מיט שמחה

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס זעען מיר פון די מעשה? מיר זעען וואסערע השפעה שמחה האט. מ׳זעט אויף די פעולות פון א מענטש צי ער איז געווען בשמחה בשעת׳ן טון די פעולה צי נישט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר גרייטן זיך יעצט אויף די הייליגע טעג, מיר געפינען זיך שוין אין די הייליגע טעג. אלעס וואס מיר טוען דארף זיין מיט שמחה, כדי עס זאל משפיע זיין שמחה אויף אונז אליין און אויף יעדן איינעם וואס דארף האבן די השפעה.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבת קודש פרשת נצבים וילך כב לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

מען דארף קאכן בשמחה, קויפן קליידער בשמחה, און קויפן מחזורים און ספרים בשמחה. שמחה מיינט אז מ׳איז זיך מבטל איינער פארן צווייטן און מ׳געבט זיך אוועק פאר א צווייטן. שמחה מיינט אז מ׳טראסט און מ׳גלייבט אינעם אייבערשטן: **וואס איך האב איז גוט, און וואס איך האב נישט איז א סימן אז דאס איז נישט גוט פאר מיר**. מ׳דארף לעבן בשמחה. דאס עסן וואס מיר עסן דארף קומען פון א מקור השמחה, די קליידער וואס מיר טוען אן דארפן קומען פון א מקור השמחה, די בענקלעך, טישן און סאפעס – **אלעס הכל בכל מכל דארף קומען ממקום השמחה, כדי עס זאל משפיע זיין אויפן מענטש א שמחה בשלימות**.

## שמחה אלס א כלי צו מבטל זיין די קליפות און די רשעה

מיר זאגן ראש השנה ביים דאווענען: ״ובכן צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלזו וחסידים ברנה יגילו.״ וואס איז די גרויסע שמחה? ״והרשעה כולה כעשן-בעשן תכלה.״ מיר זאגן דא אז דאס רע און די קליפות וועלן בטל ווערן פון דער וועלט. לכאורה איז שווער: מ׳וואלט געדארפט זאגן פארקערט, קודם ״וכל הרשעה כולה כעשן תכלה״, ווייל איינמאל מיר ווייסן אז די קליפות און די סטרא אחרא – וואס זענען די הויפט מניעות און שוועריגקייטן מיט וואס מיר מוטשען זיך – זענען שוין בטל ומבוטל, דעמאלטס טאקע דערפאר ״ובכן צדיקים יראו וישמחו״. אזוי וואלט געדארפט שטיין.

**נאר די תשובה אויף דעם איז, אז מ׳קען נישט אוועקשטויסן די טומאה און די רשעה נאר דורך חדוה, ווי עס שטייט ״עוז וחדוה במקומו״ – נאר דורך שמחה.**

״תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה.״ דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן די צ״ח קללות, אבער די תורה לערנט אונז אויס אז דאס ווערט נאר א קללה ווען מ׳איז נישט בשמחה. ווען א איד איז בשמחה, קומט ער אפילו נישט אן צו די קללות; זיי ווערן נתהפך פון רע צו טוב און פון קללה לברכה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ממילא שטימט עס שוין: קודם ״ובכן צדיקים יראו וישמחו״, און דורך דעם ״ועולתה תקפץ פיה וכל הרשעה כולה כעשן תכלה״. דעמאלטס קען מען עס זוכה זיין, דורך דעם וואס מ׳האט אויפגעבויט דעם צד הקדושה, דעם צד השמחה און דעם צד המסירות נפש פארן הייליגן באשעפער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיט דעם קען מען פארענטפערן א קשיא: דער אמת איז, אז ראש השנה אליין, וויאזוי קען מען זיין בשמחה? אין פסוק שטייט ״בכסה ליום חגנו״, מען באהאלט עס, מען פארמאכט זיך, מען ציטערט; מען גייט דאך היינט דן זיין מי לחיים ומי למות, ווער עס וועט זיין אן עשיר און ווער אן עני, און אזוי ווייטער. ווי קען מען זיין אזוי בשמחה?

ענטפערט אונז דער הייליגער שפת אמת טאקע פאר דעם אליינס, ווייל דורך דעם וואס מיר זענען בשמחה, ווייזן מיר ארויס אונזער אמונה און בטחון אינעם אייבערשטן; מיר ווייזן דערמיט אז עס האט גארנישט מיט אונז. דאס ווייזט אונז די ריכטיגע אמונה און בטחון, און דאס אליינס איז שוין גורם צו ברענגען די גרויסע ישועה, ווייל מיר ווייזן פארן אייבערשטן אז מיט די מדת השמחה קענען מיר אלעס איבערקומען.

## דער ריזשינער׳ס פשט פארוואס א איד האט א תאוה צו עשירות

דער הייליגער רוזי׳נער זאגט אזוי: אין פסוק שטייט ״צרכי עמך מרובים ודעתם קצרה״. זאגט דער הייליגער רוזי׳נער, מען זעט אן אינטערעסאנטע טבע, אז א איד איז קיינמאל נישט צופרידן. ״יש לו מנה רוצה מאתיים״, ער איז נישט מסתפק מיט דעם וואס ער האט, און אפילו ווען יא, דארף ער זייער שווער הארעווען דערויף. יעדער פרובירט צו ווערן אן עשיר, יעדער דאווענט צו ווערן אן עשיר, מען וויל ווערן רייך. וואס איז דער פשט דערפון? ווידעראום ביי די אומות העולם זעט מען דאס נישט; קיינער זוכט נישט סתם אזוי צו זיין אן עשיר, יעדער - אדער לכל הפחות די רוב - זענען מסתפק מיט דעם וואס זיי האבן. וואס איז דער פשט אז די גוים האבן די מעלה איבער אידישע קינדער?

האט דער הייליגער רוזי׳נער בקדושתו ובטהרתו געענטפערט א הפלא׳דיגע תשובה. ער ענטפערט אזוי: דער עיקר פארוואס דער הייליגער באשעפער האט באשאפן די וועלט און באשאפן א חומריות׳דיגן גוף, איז כדי מען זאל דארט קענען אריינלייגן די נשמה - ״אלקי נשמה שנתת בי טהורה היא״. ווי מער מצוות ומעשים טובים, ווי מער תורה, און ווי מער ערליכקייט, אלס מער לייגט מען צו כח, און מען גיט כח פאר די נשמה אנצוגיין אויף דער וועלט. אבער וויבאלד די נשמה געפינט זיך אינעם גוף, דרייט זיך דער מענטש אין גשמיות און אין חומריות, און ממילא קוקט אים אויס אז דאס איז פאר זיין טובה, אז עס איז גוט פאר אים ער זאל ווערן א גרויסער עשיר, ער זאל האבן אושר ועושר און לעבן ברייט, און ממילא לויפט ער עס נאך.

אבער ער פארשטייט נישט: די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז ער זאל האבן די תאוה צו ווערן אן עשיר און נאכצולויפן דעם עולם הזה, איז כדי ער זאל וויסן דעם נמשל. דער נמשל דערפון איז, אז פונקט אזוי זאלסטו נאכלויפן רוחניות. נישט כדי מען זאל נאכלויפן גשמיות, נאר כדי מען זאל נאכלויפן רוחניות.

און ממילא דער גוי, וואס דארף נישט נאכלויפן קיין רוחניות, האט נישט די גשמיות׳דיגע תאוה.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ערב שבת קודש פרשת נצבים וילך כב לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

מה שאין כן מיר, וויבאלד מיר דארפן נאכלויפן רוחניות, דארפן מיר דאך האבן א משל, ווי מען זאגט, צו קענען זען וויאזוי מען לויפט נאך רוחניות, דערפאר האבן מיר תאוות גשמיות.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? אזוי זאגט דער הייליגער רוז'ינער. ער זאגט: "צרכי עמך מרובים" - פארוואס? פארוואס ווילן זיי אזוי פילן? זאגט ער, "ודעתם קצרה", ווייל זיי כאפן נישט, זייער דעת איז קורץ; זיי כאפן נישט אז די תאוה וואס א איד האט איז נישט כדי ער זאל זיין א בעל תאוה. די תאוה וואס ער האט איז כדי ער זאל זיין אן אויסגעהאלטענער איד, ער זאל הארוועון אויף רוחניות, און ער זאל צוקומען צו רוחניות מיט געגועים און מיט בענקשאפט צום הייליגן באשעפער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## היטן דעם מויל די נשמה דורך נישט מזיק זיין אנדערע מענטשן

דער הייליגער סטרעליסקער האט געזאגט: די גמרא זאגט, "מאן דבעי למהוי חסידא, לקיים מילי דנזיקין" - ווער עס וויל זיין א חסיד, זאל זיין אפגעהיטן אין זאכן וואס שעדיגן. דאס טייטש, ער זאל נישט שעדיגן אנדערע מענטשן, ער זאל נישט מזיק זיין. נאך מער איז דער פשט, אז ער זאל לערנען מסכת נזיקין.

**טייטשט אבער דער סטרעליסקער: "מאן דבעי למהוי חסידא", איינער וואס וויל זיין א חסיד, "לקיים" - זאל ער זיך צוריקהאלטן פון "מילי דנזיקין", פון זאגן ווערטער וואס שעדיגן. וועלכע ווערטער שעדיגן די נשמה? ווען מען רעדט לשון הרע, רכילות, דברים בטלים, ווערטער וואס טוען וויי, כעס'ריגע דיבורים, פירוד לבבות, אדער דברים של מה בכך - נארישקייטן, שטותים און לאקשן.**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן איבער א חודש צייט צו נוצן דאס מויל פאר תורה שבעל פה. דאווענען און דאווענען, זאגן און זאגן. מיר דארפן אבער רעדן צום אייבערשטן מיט הייליגקייט, מיט א פה קדוש. מען דארף מקבל זיין אויף זיך צו זאגן קאמפלימענטן, גוטע ווערטער און ווארימע ווערטער. זיין "מן הנעלבים ואינם עולבים", "בולע פיו בשעת מריבה" - ער מאכט צו דאס מויל ביי א קריגעריי. הייבן מענטשן, מחשיב זיין מענטשן, נישט זיין כעס'ריג אדער בעל גאוה'דיג; זיין באמת אפגעהיטן מיט'ן פה, און זאלן מיר זוכה זיין צו פועל'ן אלעס גוטס מיט אונזער מויל. מיר האבן אויך געזאגט ביים ליל שישי א געוואלדיגן רעיון אלס הכנה לימי הסליחות ולימי ראש השנה: וואס איז תורה שבכתב, וואס איז תורה שבעל פה, און נאך עטליכע יסודות. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס לוינט זיך דאס אויסצוהערן.**

## 'אל תשליכנו לעת זקנה' תשובה מאהבה

דער תולדות אהרן רבי זכרונו לברכה האט פארציילט, אז ער האט איין יאר געלערנט אין ווישאווא. יענע יאר איז דארט געווען אן עצירת גשמים, עס האט נישט גערעגנט, און מען האט צוזאמגערופן די גאנצע שטאט צו מאכן אן עצרת, א יום תפילה. דער ווישאווער רב האט דארט געגעבן א דרשה. בשעת'ן רעדן האט דער ווישאווער רב געזאגט צווישן די ווערטער: מיר זאגן ביי שמע קולנו "אל תשליכנו לעת זקנה". מיר ווייסן דאך אז תשובה טון קען מען שטענדיג, דער אייבערשטער נעמט שטענדיג אן די תשובה; אבער "זקנה" איז ראשי תיבות: זיפצן, קרעכצן, ניסן און היסן.

א מענטש דארף תשובה טון פאר ער קומט אן צו די עלטערע יארן, ווען מען האט די שוואכקייטן פון זיפצן, קרעכצן, ניסן און היסן.

בעט מען פונעם אייבערשטן "אל תשליכנו לעת זקנה" - ווארף מיך נישט אריין אין א מצב אז איך זאל ערשט דעמאלט תשובה טון, נאר איך וויל שוין יעצט תשובה טון.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען קען צולייגן צו די ווערטער "אל תשליכנו לעת זקנה": ברענג מיך נישט דערצו אז איך זאל דארפן תשובה טון דורך זיפצן, קרעכצן, ניסן און היסן. מיר ווילן תשובה טון דורך שמחה, מיר ווילן תשובה טון מיט "עוז וחדוה במקומו".**

## סיכום און חיזוק צו לעבן מיט פנים מאירות

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך מחזק זיין, לאמיר זיך שטארקן מיט פנים מאירות, צו לייכטן און שיינען מיט אמונה, שלום, בטחון און שמחה. מיט "אני שמח בחלקי שלי", אויסנוצן אונזערע כשרונות און טאלאנטן, אונזערע תאוות, אונזערע גלוסטעניש און בענקעניש, כדי זיך נאנט צו ברענגען צום אייבערשטן און נאנט צו ברענגען אנדערע אידן. לאמיר לעבן אין שמחה, זיך קאכן אין שמחה, זיין בשמחה, רעדן שמחה, און טון אלעס בשמחה. הייליגע, לעכטיגע, און פרייליכע אידישע קינדער, מיט שמחה פועל'ט מען אלעס. "וגילו ברעדה" - עס דארף זיין די ערנסטקייט פון די ימי הסליחות, אבער אלעס דארף זיין מיט שמחה.

פועל'ט אלעס גוטס, א גוטע כתיבה וחתימה טובה. דער אייבערשטער זאל אננעמען אלע תפילות, אלע ברכות און אלע קבלות טובות ברחמים וברצון. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל'ט אלעס גוטס, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון. גוט שבת, גוט שבת.